זיבעצנטער יאָהרגאנג
№ 25
פרייז 20 גראָשן • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

Piątek 24 czerwca 1938 | ליכט-צינדן 7.39 | פרייטאג פ׳ בלק כ״ה סיון תרצ״ח

לעצטע התראה.

שוין פיעל מאָל האָב איך מתרה געווען דעם לאָקאַטאָר דבורה בלאַגער, אַלטער מאַרק 20, וועלכע איז שולדיג געבליבן דירה-געלד די סומע פון העכער 2000 זל. און נישט קוקנדיג דערויף, וואס איך האָב אַלץ אָבגעלייגט די עקסמיסיע, כדי זי זאָל זיך קענען גוטוויליג אַרויסציהען, האט זי עס נישט אויסגעפיהרט, לכן, בין איך מתרה צום לעצטען מאָל, אַז אויב זי וועט זיך נישט אַרויסציהען אין משך פון 14 טעג, וועל איך, ליידער, מוזען אויספיהרען די עקסמיסיע אָהן שום ריקזיכט.

הויזווירט פון אַלטען מאַרק 20.

DO WYNAJĘCIA

2 pokoje z kuchnią, z wygodami, parter, 3 pokoje z kuchnią, z wygodami, I piętro 4 pokoje z kuchnią, z wygodami, II piętro, przy ulicy Kilińskiego № 14.

Wiadomość u dozorcy.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2 i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האָבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.

א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ׳ן אָרט.

ספעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

Stosować plaster LEBEWOHL, niezawodny na ODCISKI.— Przy kupnie żądać oryginalnego pudełka LEBEWOHL. Na każdym plasterku jest też napis

LEBEWOHL

PODZIĘKOWANIE.

Wyrażamy gorące podziękowanie P. Dr. **F. Nowakowi** za dokonanie udanej operacji oraz za troskliwą opiekę w czasie choroby Syna naszego.

H. GABLOWIE.

יודען פון פוילען וואס קומען נאָך ארץ-ישראל

רייכערן נור די פאַפּיראָסען

פון דער בעוואוס-טער פאַבריק **„מספרו"** תל-אביב

100 פראָצ. יודישע אַרבייט. 16-יעהריגע עקזיסטענץ

די בעסטע אין ארץ-ישראל

לטיף יסמין נרקיס אמיר ישוב

גמילת-חסד-קאַסע „אהבת אחים" אַגראַדאָווע 6

זונטאַג, דעם 26 יוני 7 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל אַגראָדאָווע 6

די יערליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) פרעזידיום, 2) לעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 3) טעטיגקייטס-בעריכט, 4) קאַסע בעריכט און פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 5) בודזשעט אויפ׳ן יאָהר 39 1938 6) וואַהלען פון א פערוואַלטונג, 7) וואַהלען פון א רעוויזיאָנס קאָמיסיע, 8) פרייע פאָרשלאָגען.

Szkoła Koedukacyjna im. Zofii Wajnsztokówny

w Częstochowie, Aleja 20, tel. 10-78.

przyjmuje zgłoszenia uczniów i uczenic do wszystkich klas. Egzaminy systemem lekcyjnym.

Przedszkole, wzorowo urządzone przyjmuje zapisy dzieci od lat 3-ch

Ogród szkolny czynny będzie przez całe lato.

Kolonie letnie mieszczą się w b. r. **w Bystrej** (Śląsk Ciesz.)

Wyjazd I-ej grupy w poniedziałek, dn. 27 b. m.

Zapisy przyjmuje kancelaria szkoły codziennie w godz. 12—14 i 16—17.

גענצליכער ליקווידאַציע-

אויספערקויף

פון אַלערליי פוטער

צו זעהר ביליגע פרייזען

ביז׳ן 30-טען יוני 1938 י.

מ. איידלמאַן, פילסודסקי 7 1-טער שטאָק

א פאַבריקס - לאָקאַל הונדערט קוו. מעטער אויף א גוטען פונקט

שוין צו פערדינגען זיך ווענדען צו: **מ. קאַפינסקי, אַגראַדאָווע 4.**

אונזער חבר **הענעך קאַפלאָוויטש**

צו זיין התונה מיט פרל. **מירקאַ נאָוואַק**

ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט

ברוך, שמחה, שלמה, שמעריל און יוסיל

איטע זעליגמאַן דוד שטיבעלמאַן

תנאים געשריבען

ווישערפ אין יוני 1938. טשענסטאָכאָוו

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליעבע שוועסטער און שוועגערין

יאדזיא זעליגמאַן מיט ה׳ **דוד שטיבעלמאַן**

ווינשען א הארציגען מזל - טוב, פיעל גליק און צופרידענהייט

די פאַמיליעס זעליגמאַן און פיק

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודערן-זוהן ה׳ **דוד שטיבעלמאַן**

מיט פרל. **איטע זעליגמאַן**

ווינשען פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט

מלך שטיבעלמאַן און פרוי

אכטונג! וויכטיג פאַר אַלע! אכטונג!

נאָך געציילטע טעג האָט יעדער די מעגליכקייט זיך אויסצולערנען

צושניידען לויט׳ן בעריהמטען ווינער סיסטעם „עוגאָן"

ווי אויך די נייעסטע ענגלישע סיסטעמען פון בעקאַנטען פּראָפ. מינסטער מענער-דאמען-קליידער, וועש און קינדער-זאכען אונטער דער אָנפיהרונג פון בעקאַנטען לאַנגיעהריגען

אינסטרוקטאָר מ. טאַנדראָווסקי

פאַר ענטפענגער און אָוואַנסירטע. פאַר נישט-פאַכמענער—א ספעציעלער קורס. פאַר דאמען—ספעציעלע אינסטרוקטאָרקעס.

די אדרעס געדענקט **1 אַלעע 1, רוג נייער מאַרק** וואוינונג 22. אינפאָרמאַציעס טעגליך פון 9 פריה ביז 3 נאָכמיטאָג אומזיסט

האַנדווערקער = שולע

אין טשענסטאָכאָוו גאַרנצאַרסקאַ 8

מאַכט בעקאַנט, אַז די איינשרייבונגען אויפ׳ן נייעם שול-יאָהר וועלען דויערען ביז׳ן 1 יולי ד. י.

די צאָהל פלעצער איז בעגרעניצט.

הערט! רעטייל!

דאס בעוואוסטע **פאַרבען = געשעפט**

S. Wiślicka

Częstochowa, Aleja № 2 telefon 14-25

האט אויפ׳ס לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון די בעסטע

פאַרבען, פאָקאָסט, לאַקיר, לייהם, שעלאַק, פינזעל, בראָנז, כעמיקאַליען.

שפאַרט אייער געלד און מאכט איינקויפען נאר אין דער פירמא

S. Wiślicka, Aleja 2.

Koledze naszemu, Panu Red. **Marcinowi Łaskiemu** z powodu zgonu Jego

b. p. MATKI

składają wyrazy serdecznego współczucia

M. Asz, S. Frank.

צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

ישעיהו מיענטקעוויטש נ״ע

וועט זונטאַג, ד. 26 ד. ח. כ״ז סיון תרצ״ח פונקטליך 11 פאַרמיטאָג פאָרקומען די ענטהילונג פון דער מצבה

אויף וועלכער עס לאַדענט איין די קרובים און בעקאַנטע

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע **פאַמיליע.**

האַלב 11 פריה וועלען פאָר׳ן טויער פילסודסקיעגאָ 31 וואַרטען שטאָדטישע אויטאָבוסען.

צוליעב׳ן פלוצים׳דיגען טויט פון אונזער ליבען חבר

יחיאל טישבער ע״ה

וואס איז פון אונז פריהצייטיג אוועקגעריסען געוואָרען דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער פרוי **טשאַרנה טישבער** און די ברידער **מרדכי** און **אברהם יצחק** ווי אויך די שוועסטערן. עהרע זיין אנדענקען!

די טיעף געטראָפענע חברים און מתפללים פון האַנדווערקער-מנין אין קושעפיץ

חיים זשולטאַק, יצחק לייב שימקאָוויטש, הירשל גראָנעק, חנוך שלמה שטול, אלי׳ גרין, אלקה מאַיאָרטשיק, פאַמיליע סקאָווראָנעק און שווינער.

זאל עס זיין א מוסר השכל פאר אונז.

ווי עס מעלדען די צייטונגען, איז צווישען די אמעריקאנער יודישע ארגאניזאציעס געקומען צו א הסכם וועגען א געמיינזאמער ארבייט אויפ'ן געביעט פון ברענגען הילף פאר די מזרח און מערב אייראפעאישע יודען. וואס ווערט בעצייכענט אלס די פיטסבורגער רעזאלוציע און איז ראטיפיצירט געווארען דורך אלע אמעריקאנער יודישע ארגאניזאציעס, צווישען זיי אויך דורך דער יודישער ארבייטס־פארטיי.

מיט פשוט'ע ווערטער הייסט דאס, אז אין דער אמעריקאנער שטאדט פיטסבורג איז פארגעקומען א גרויסע קאנפערענץ פון אלע יודישע אמעריקאנער ארגאניזאציעס, כדי אויסצוארבייטען א פלאן, ווי אזוי קומען צו הילף די יודען פון מיטעל־און מזרח־אייראפא, און דארט, אויף דער דאזיגער קאנפערענץ, איז געפאסט געווארען א רעזאלוציע, אז אלע פארטייען, וועלכע האבען ביז איצט געארבייט פאר זיך און אנגעפיהרט בעזונדער מיט זייער ארבייט, זאלען פון יעצט אן צוזאמען ארבייטען. דער דאזיגער פעראייניגונגס־פלאן איז שפעטער ראטיפיצירט געווארען דורך די בעזונדערע ארגאניזאציעס.

צי דארף אט דער שריט פון די אמעריקאנער יודען נישט זיין פאר אונז, פוילישע יודען א מוסר השכל? די אמעריקאנער יודען לעבען זיך אויס פריי, דערוייל זענען זייערע עקאנאמישע און פאליטישע פאזיציעס פעסט און זיי קאנען זיך פערגינען זיך צו שפיעלען אין פארטייען און אפאזיציעס. אבער אין בלויזען אנבליק פון אונזערע צרות, האבען זיי מותר געווען אויף זייערע פארטייאישע אמביציעס און קלייזעל פאליטיק און בעשלאסען זיך צו זעצען ביי איין טיש מיט א געמיינזאמען פראגראם. און מיר פוילישע יודען, וועלכע זעהען די געפאהר פאר די אויגען, וועלכע פיהלען דעם ענגען רינג, וואס דריקט אלס שטארקער אונזער האלז, צי ווילען מיר ענדליך נישט פערשטעהן, אז איצטער, מעהר ווי אלעמאל, איז נויטיג, איז פשוט א לעבענס פראגע דער ענין פון קאנסאלידאציע, פון א געמיינזאמען דעפענסיווע פראנט אויף אלע געביעטען פון אונזער לעבען.

ליידער מוזען מיר פעסטשטעלן, אז ביי אונז איז נאך דער דאזיגער בעוואוסטזיין נישט רייף, מיר טאפטשען נאך אין זומפ פון מחלוקת און ארומרייסענישען, פון מסירות און רכילות, און אז דאס פערלייכטערט אונזערע שונאים צו דערגרייכען זייער אויסראטונגס־קאמף — איז מעהר ווי זיכער.

די מחלוקות און שנאת חנם צווישען אונז קומען נישט פאר בלויז אין לאנדעס מאסשטאב, נאר אויך אין יעדער שטאדט און שטעדטיל. צווישען די קהלות (אונזער טשענסטאכאווער קהלה אלס ביישפיעל) קומען פאר כסדר'דיגע מסירות, וואס צופרעסען אונזער אזוי אויך אבגעשוואכטען ארגאניזם און מאכען פון אונז א תל.

אונזערע צרות זענען אונגעהויער גרויס, אין דער לופטען העננגען נאך צרות, וואס ווילען זיך אויף אונז ארא־בלאזען, און נאר ווען מיר אלע וועלען זיין פעראייניגט, וועלען די גזירות און צרות נישט האבען די גרויזאמע ווירקונג, וועלכע זיי קענען יא האבען, ווען מיר זענען צושפליטערט און צוריסען.

אין אמעריקא האבען זיך פעראייניגט אלע, אנהויבענדיג פון ארבייטער ביז'ן יאהודי, ביי אונז איז נאך ווייט פון צו רעדען פון א געמיינזאמער ארבייט, זאלען מיר זאגען — פון „בונד" מיט די בירגערליכע פארטייען, אבער די בירגערליכע פארטייען וועניגסטענס צווישען זיך גופא קאנען דאך אין אנבליק פון דער איצטיגער סיטואציע געפונען א געמיינזאמע שפראך.

זאל דער היסטארישער פעראייניגונגס־פאקט פון אמעריקאנער יודענטום דינען פאר אונז אלס א מוכר השכל!

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— די פראנצויזישע רעגירונג האט בעשלאסען צו שליסען די פראנצויזיש־שפאנישע גרעניץ. דער דאזיגער בעשלוס שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די אונטערהאנדלונגען, וועלכע זאלען זיך דינסטאג אנהויבען צווישען פראנקרייך און איטאליען.

— דער ענגלישער פרעמיער טשעמבערלען בעמיהט זיך ווייטער צו דערפיהרען צו א וואפענשטילשטאנד אין שפאניען. ער וויל אבער, אז דעם אנהויב זאל מאכען איטאליען דורך ארויסציהען איהר מיליטער פון שפאניען. אין דעם ענין ווערען געפיהרט געשפרעכען צווישען ענגלישען אמבאסאדאר פערט און דעם איטאליענישען אויסערן־מיניסטער טשיאנא.

— אין לאנדאן איז געעפענט געווארען די 16 טע אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ פון רויטען קרייץ. אויף דער דאזיגער קאנפערענץ איז פוילען פערטרעטען מיט א גרויסער דעלעגאציע.

— אין יאפאן איז פארגעקומען א שרעקליכע באהן־קאטאסטראפע אין וועלכער עס זענען אומגעקומען און פערוואונדעט געווארען איבער 200 פערזאן. א צווייטע גרויסע באהן־קאטאסטראפע איז פארגעקומען אין אמעריקע אויף דער באהן־ליניע סיטלי־טשיקאגא. א בריק האט זיך איינגעבראכען און דער לוקסוס־צוג אליימיאן איז אריינגעפאלען אין טייך. עס זענען פערהאן 28 טויטע און 65 פערוואונדעטע.

— צוליעב דער געוואלדיגער איבערמאכט פון די אויפשטענדער איז די 43 דיוויזיע פון רעגירונגס - מיליטער געצוואונגען געווען צו איבערטרעטען די פראנצויזישע גרעניץ. די גרעסטע טייל פון דעם דאזיגען מיליטער איז אויף זיין אייגענעם וואונש צוריק איבערגעפיהרט געווארען קיין שפאניען, כדי ווייטער צו קעמפען אין די רייהען פון די רעפובליקאנער.

— צוליעב דעם פלאצען פון די טאמעס אויף דעם געלען טייך אין כינע איז אויסגעבראכען א פערפלייצונג, וועלכע האט אנגענומען א קאטאסטראפאלען כאראקטער. די צאהל קרבנות ווערט בערעכענט אויף 300 טויזענד מענשען. העכער א מיליאן מענשען געפינט זיך אהן א דאך איבער'ן קאפ. צוליב דער נאטור־קאטאסטראפע איז אין דעם טייל כינע אבגעשטעלט געווארען די קריגס־טעטיגקייט.

— צום גענעראל־קאמאנדיר פון די בעיואפענטע קרעפטען אין א"י גענ. הייניגג קומען ווייטער אן אפעלען פון פערשידענע יודישע קהלות אויף דער גאנצער וועלט וועגען בעגנעדיגען די צוויי צום טויט פערמשפטע פון ראש־פינה אברהם שיין און שלמה בן יוסף.

— די הויפט קווארטיר פון ענגלישען מיליטער אין א"י האט בעשטימט סוף יולי פאר דעם ענדגילטיגען טערמין, ביז וועלכען דער טעראר אין לאנד זאל גענצליך אויסגעווארצעלט ווערען.

— א באנדע פון 100 טעראריסטען האט אנגעגריפען די „טעגארט וואנד" אין צפון א"י און שווער בעשאסען א פאנצער־אויטא מיט 5 יודישע הילפס־פאליציאנטען, וועלכע האבען געשטעלט א העלדישען ווידערשטאנד. איין געהילפס פאליציאנט איז שווער פערוואונדעט געווארען. 2 טעראריסטען זענען גע'הרג'עט געווארען און מעהרערע פערוואונדעט.

—בעת די וואהלען פון א סיים מארשאלעק אויפ'ן ארט פון פערשטארבענעם מארשאלעק צאר, זענען ארויסגעריקט געווארען די קאנדידאטורען פון פולקאווניק סלאווועק און פון דעפ. נאוואק (איינער פון די פיהרער פון „נאפראזוויאטשעס"). אויף 176 אבגעגעבענע שטימען זענען 144 געווען גילטיגע און די איבריגע 32 — ליידיגע. פולק. סלאווועק האט בעקומען דערפון 114 שטימען און דעפ. נאוואק — 30. מיט אן אבסאלוטער מעהרהייט איז דעריבער אויסגעוועהלט געווארען אלס מארשאלעק פולק. וואלערי סלאווועק, פאר וועלכען ס'האבען אויך אבגעגעבען זייערע שטימען די יודישע דעפוטאטען.

נאך די וואהלען איז פולק. סלאווועק אוועק אויפ'ן שלאס, וואו ער האט פערבראכט 2 שעה און צוריקקומענדיג אין סיים ערקלערט, אז ער נעמט אן דעם מארשאלעק־אמט און דערביי געהאלטען א קורצע רעדע. אין דער דאזיגער רעדע האט מארשאלעק סלאווועק אונטערגעשטראכען, אז פאר זיין ערשטע פליכט האלט ער דאס אבהיטען די פארשריפטען פון דער קאנסטיטוציע.

— דער קארעספאנדענט פון דער ענגלישער צייטונג „דיילי עקספרעס" ה' פאנטאן איז ארעסטירט געווארען אין בערלין צוזאמען מיט זיין פרוי דערפאר, וואס ער האט געמאכט פאטאגראפישע אויפנאהמען פון די אנטי־יודישע אויפשריפטען, וואס די נאציס האבען די לעצטע טעג געמאכט אויף די יודישע געשעפטען. אויך איז ארעסטירט געווארען דער דייטשער פאטאגראף וואס האט ענטוויקעלט די ריזיגע אויפנאהמעס.

— אין בערלין זענען די לעצטע טעג פארגעקומען אנטי־יודישע ארויסטרעטונגען. הונדערטער געשעפטען זענען געפלינדערט געווארען, עס זענען דורכגעפיהרט געווארען מאסען־ארעסטען פון יודען, וועלכע ווערען אהן שום סיבה גרופענווייז ארעסטירט און אבגעשיקט אין קאנצענטראציע־לאגער.

— אין צוזאמענהאנג מיט דער צוואנגס־רעגיסטראציע פון יודיש פערמעגען אין דייטשלאנד, האבען די ענגלישע, פראנצויזישע און אמעריקאנער רעגירונגען איבערגעגעבען אן אפיציעלען פראטעסט דער דייטשער רעגירונג געגען דער דראהענדער קאנפיסקאטע פון די פערמעגענס פון זייערע יודישע בירגער אין דייטשלאנד.

— אין פיטסבורג איז פארגעקומען א קאנפערענץ, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט פערטרעטער פון די 4 גרויסע יודישע ארגאניזאציעס: יודיש־אמעריקאנער־קאנגרעס, יודיש־אמעריקאנער קאמיטעט, „בני ברית" און יודישער ארבייטער קאמיטעט. עס איז בעשלאסען געווארען צו שאפען א פערשטענדיגונג צווישען די דאזיגע ארגאניזאציעס פאר די פראגען פון קאמף פאר יודישע רעכט. די פערשטענדיגונגס בעזוג איז דורך די בעזונדערע ארגאניזאציעס שוין בעשטעטיגט געווארען.

— די א"י טיילונגס קאמיסיע האט אויף א עפענטליכער זיצונג פערהערט דעם פארשטעהער פון די רעוויזיאניסטען פראפ. אקצין, וועלכער האט קריטיקירט דעם צוטיילונגס פלאן פון ארץ־ישראל און בעגרינדעט די נעגאטיווע שטעלונג פון דער נ. צ. א. צו דעם דאזיגען פלאן.

— נאך א שווערער קראנקהייט איז אין ווארשא געשטארבען דער סיים־מארשאלעק צאר. דאס יודישע „קאלא" האט ארויסגעשיקט צו דער אלמנה און צום וויצע מארשאלעק שעצעל קאנדאלענץ־דעפעשען. פארשטעהער פון יודישען „קאלא" האבען אויך אנטייל גענומען אין דער לויה פון פערשטארבענעם מארשאלעק.

— דאס העכסטע געריכט האט בעטראכט די קאסאציע־אנקלאגע פון פראקוראר קעגען אורטייל אויף דעם מישלעניצער „העלד" דאבאשינסקי, וועלכער איז דורך דעם לעמבערגער געריכט פון געשוואוירענע פער'משפט געווארען אויף 2 יאהר תפיסה. דאס העכסטע געריכט האט אנערקענט, אז די שטראף איז א צו קליינע און דעריבער אבגעשאפט דעם פריהערדיגען אורטייל און דעם ענין איבערגעשיקט נאכאמאל צו בעטראכטען צום לעמבערגער קרייז־געריכט.

— די בעלגישע רעגירונג האט צייטווייליג פעראָרדנעט די בעלגישע קאנסולאטען אין פראנקרייך נישט ארויסצוגעבען וויזעס און טראנזיט־וויזעס אהן א ספעציעלער ערלויבניש פון דער בעלגישער מאכט. די פעראָרדנונג שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די מאסען־רייזעס קיין בעלגיען פון פערזאנען וואס זענען לעצטענס אלס אומלעגאלע אימיגראנטען ארויסגעשיקט געווארען פון פראנקרייך.

קלאץ־קשיות!...

קליינער פעליעטאן

נו, נו, שוין א לאנגע צייט אייך נישט געזעהען — האב איך זיך געווענדעט צו מיין שכן ישראל יודל, וועלכער האט מיר פלוצים נאך א לענגערער צייט געמאכט א וויזיט — וואו זענט איהר דאס געווען אין די גרויסע פרעסט — וויצעל איך זיך מיט איהם.

— אמת — ענטפערט מיר מיין שכן— אויף זומער־צייט וואלט נישט געשאדט, אז עס זאל זיין א ביסעל ווארימער, ווי ס'איז געווען די לעצטע טעג, אבער זאגען, אז עס זענען געווען אזעלכע גרויסע פרעסט, קאן מען אויך נישט. צווייטענס האב איך לעצטענס נישט געהאט קיין צייט ממש אויף קיין איין מינוט, ווארום ווי נאר כ'בין אהיימגעקומען פון געשעפט, האט זיך מיין ווייב גענומען מיט מיר קנעלען מכח דאטשע, זי וויל נישט מעהר פאהרען, זאגט זי, אין קיין קור־ארט, נאר אויף אן'אברוהע ארט, וועלכעס זאל אבער האבען די מעלות פון א קור־ארט.

לכתחילה — זאגט ווייטער מיין שכן האב איך איהר געוואלט בעווייזען, אז צוליב די היינטיגע שווערע צייטען, וואלט מען געדארפט איינגאנצען רעזיגנירען פון אוועקפאהרען אויף זומער, נאר האבענדיג די פראקטיק פון פאריאהרען, האב איך זיך נישט געוואלט לעכערליך מאכען און געמאכט א צופרידען פנים, וואס זי האט כאטש אליין רעזיגנירט פון א קור־ארט און בעגניגענט זיך כאטש מיט א קלימאטישער סטאציע. נו האב איך מיר פערשאפט דעם ספעציעלען וועג־ווייזער, וועלכען דער „סאז" האט ארויסגעגעבען וועגען אלע קור־און קלימאטישע זומער־וואוינונגען פון פוילען און מיר האבען צוזאמען דורכשטודירט יעדעס ארט, וואס פארע מעלות און וואס פארע חסרונות יעדע דאטשע האט. ס'פערשטעהט זיך, אז נישט אזוי לייכט קומט אן מיין ווייב או סצוקלויבען דאס בעסערע מקום, ווייל כמעט אלע אויסגערעכענטע ערטער זענען פונקט צוגעפאסט צו איהרע מחלות: אונטערבארגיגער קלימאט, שטארקע בעזוננוג, וואלד־לופט, וואס איז א רפואה פאר רעקאנוואלעסצענטען און פאר פיזישער און גייסטיגער אויסשעפונג; אטרעטיזם, רעוומאטיזם, נערוועז שוואכע, בלוט ארימקייט א. אז. וו. א. אז. וו. זיץ איך טאקע אב יעדען אוועגד ביז שפעט אין דער נאכט און מען האלט אין איין שטודירען די זומער־וואוינונגען, טא ווי אזוי האב איך זיך געקאנט נעמען צייט צו אייך?!

דאן האב איך נאך געהאט — פערענטפערט זיך ווייטער מיין שכן — א געטהועכץ מיט מיין יונגסט טעכטעריל, וועלכע האט געענדיגט די פאוושעכנע שולע מיט א קאנקורס - אויסצייכנונג, נאר אין דער לעצטער מינוט האבען זיך די לעהרער מיישב געווען, אז זיי האבען א בילכערע פון מיין טעכטעריל און געגעבען מיינער פון איין געגנשטאנד א „דריי", אזוי אז זי זאל נישט זיין די ערשטע קאנקורסאווע, האב איך געמוזט לויפען צו דער קעראוויניטשקע מאהנען יושר, אזוי, אז אויך דאס האט מיר פערנומען אביסעל צייט.

אט א דאס זענען די סיבות—זאגט מיין שכן—וואס איך האב די לעצטע טעג אפילו נישט קיין צייט געהאט זיך מיט אייך אביסעל אדורכצושמועסען און צו רעדען איז דא א סך. אט דא —וויזט ער אויפ'ן הארצען מיין שכן— ליגט א גאנצער בארג און דריקט מיר מיין ברוסט.

— וואס אזוינס דריקט אייך—פרעג איך מיין שכן—אדרבה, רעדט זיך ארויס פון הארצען, וועט אייך אפשר גרינגער ווערען.

— ניין, מיין פריינד — ענטפערט ישראל יודל—גרינגער וועט מיר נישט ווערען, נאר אביסעל אראבצורעדען זיך פון הארצען וועט נישט שאדען. קודם כל וויל איך אייך פרעגען, פאניע סמאל. וואס איז דאס געווארען מיט דער וועלט. אמאל, ווען די ציוויליזאציע איז נאך נישט געווען אזוי גרויס, די טעכניק נישט ענטוויקעלט, האבען מענשען רעאגירט אויף עוולות. אט נעמען מיר, למשל, די גזירות רעות, וואס זענען אין צארישען רוסלאנד ארויסגעגעבען געווארען אויף יודען, האט דאן די גאנצע וועלט דערויף רעאגירט און נישט בלויז אייראפא און אמעריקא, נאר אפילו אין רוסלאנד גופא האבען טויזענדער און מיליאנען פראטעסטירט געגען די עולות, וואס מען טהוט די יודען; און היינט ווערען יודען געפייניגט אין דייטשלאנד ערגער ווי הינד, און קיינער רעדט נישט קיין ווארט, די וועלט קוקט זיך צו צו די אכזריות'ן און שווייגען. מעגליך, אז ערגיץ וואו געפינען זיך מענשען, וועלכע העלפען מיט קרעכצען צוליעב די יודישע צרות, אבער מוט צו האבען הויך צו פראטעסטירען און זיך אנצונעמען אונזער עולה איז קיינער נישטא. פרעג איך אייך: פארוואס, וואו איז אהינגעקומען דער יושר, דאס רחמנות־געפיהל, וועלכעס מען האט אזוי פיעל געפרעדיגט.

כ'וויל אייך ווייטער פרעגען—זאגט ווייטער ישראל יודעל און זיין שטימע ווערט הארט און הייס—פאר וואס אמאל, ווען מען האט געזעהן א היימלאזען הינד אויפ'ן גאס, האבען זיך געטראפען מענשען, וועלכע האבען זיך אויף איהם דערבארעמט און איהם אריינגענומען אין שטוב, און היינטיגע צייטען, ווען צוליעב אורבאניסטיק, ווערען א סך הייזער צוווארפען און צעהנדליגער יודישע משפחות וואלגערען זיך דאכלאזע אין די גאסען, איז נישטא קיינער, וועלכער זאל רחמנות האבען אויף זיי און טראכטען צו שאפען פאר זיי אהיים. וואו זענען אלע אונזערע סאציאלע און פילאנטראפישע געזעלשאפטען, וואס האקט מען א טשייניק וועגען רחמנות און מענשליכע געפיהלען.

אויך אייך וויל איך, פאניע סמאל, פרעגען—זאגט ווייטער מיין שכן—פארוואס אז איהר שרייבט אין אייער צייטונג וועגען עוולות, וואס געוויסע פאסקודניאקעס בעגעהן געגען זייערע ברידער, שרייבט איהר נישט ארויס די פערשוינען מיט זייערע נעמען אזוי, אז די גאנצע שטאדט זאל וויסען ווער עס זענען אט די דאזיגע חברה־לייט, כדי מען זאל זיי אויסמיידען און נישט האבען מיט זיי קיין מגע ומשא, אז מען זאל זיי אין קיין יודישער שטוב נישט אריינלאזען, נאר איהר שרייבט פערשטעלט, העכסטענס רופט איהר בלויז אן א גאס וואו דער פערשוין וואוינט און דערמיט פיהרט איהר נאר אריין דעם עולם אין א טעות.

אמת—כאפט זיך צוריק מיין שכן— אז אזא שרייבען האט אויך א מעלה, ווייל פון אזא שרייבען פיהלט זיך געטראפען נישט בלויז דער אמת'ער בעל דבר אליין, נאר אויך אנדערע פאסקודניאקעס, וועלכע וואוינען אין דער זעלבער גאס און האבען אויך אויף זיך די זעלבע חטאים, אזוי, אז מיט איין שאס טרעפט איהר צוויי האזען. איך אבער האלט נישט דערפון, א זשורנאליסט דארף האבען מוט און אנרופען דעם יעניגען מיט זיין ריכטיגען נאמען...

דאן וויל איך אייך פרעגען, פארוואס, געוואלד געשריגען, פארוואס — —

— איהר זענט, במחילה, א שוטה — רייס איך איבער מיין שכן — וואס פרעגט איהר אזעלכע קשיות, וועט דען אייך עמיצער ענטפערן, און איבערהויפט צו וועמען זענען געווענדעט די פראגען, צי וועט דען אייך עמיצער אויף דעם געבען א תשובה, אז ס'איז אן'עולם השקר. היינט איז א צייט, וואס ווער עס שעכט, דער איז גערעכט, ס'איז א וועלט פון רציחה און גזילה און דעריבער בעטראכט איך אייערע פראגען נישט מעהר, ווי פאר קלאץ קשיות.

— אזוי איז עס — איז מסכים מיין שכן און גיט דערביי א ביטערען זיפץ — כ'ווייס, אז מיין פרעגען די אלע אויבענדערמאנטע קשיות און נאך א רייהע קשיות, וועלכע ליגען מיר אויפ'ן הארצען, איז א ברכה לבטלה, אז קיינער וועט אויף זיי נישט ענטפערן. אבער אראבצורעדען פון הארצען האב איך געמוזט, כאטש איך ווייס פון פריהער, אז דאס איז טאקי נישט מעהר, ווי קלאץ־קשיות...

סמאל

די געיאָגטע און געפּלאָגטע

פון לעאָ קעניג

די לאַגע פון די צעהנדליגער, הונדערטער טויזענדער פּאָליטישע און ראַסען-פערפאָלגטע אין אלע לענדער פון אייראָפּא און אמעריקא ווערט אלץ ערגער און שוידערליכער. זיי זענען נישט נאָר נישט זיכער מיט זייער עקזיסטענץ און טעגליכען שטיקעל ברויט, נאָר זייער לעבען—אויב מען קען עס אָנרופען א לעבען—מיט דער שטענדיגער מורא ווידער ארויסגעטריבען צו ווערען פון זייער צייטווייליגען „מקלט", וואו זיי האבען זיך קוים נעראַטעוועט. א ליאַדע ענדערונג אין דער פּאָליטיק און רעגירונג פונ'ם לאנד, וואס האט זיך אויף זיי מרחם געווען און אריינגעלאָזט און זיי ווערען געדראָהט ווידער געיאָגט און געטריבען צו ווערען... וואוהין? צוריק צו זייערע געבורטס-לענדער, וואס האבען זיי אכזריות'דיג ארויסגעטריבען, אָדער פון וועלכע זיי האבען זיך קוים מיט זייערע נשמות געראַטעוועט?

וואוהין? — אין ים אריין!

מיר „גליקליכע" קענען זיך גארנישט פאָרשטעלען—און אפשר יאָ? — די פּלאָג פון די הונדערטער טויזענדער געיאָגטע און געטריבענע אין א וועלט מיט לענדער און מלוכות, וועלכע זענען אזוי פערטהון מיט זייער אייגענער עקזיסטענץ-זיכערקייט און האלטען זיך אין איין בעוואָפענען.

ווי שוידערליך מוז זיין דאס לעבען פון די טויזענדער און טויזענדער פּליטים, וועלכע נעכטיגען נישט וואו זיי טאגען, און וועלכע קענען א ליאַדע מינוט אַרעסטירט ווערען און ווידער ארויסגעשיקט ווערען. און ווען מיר פרובען זיך פאָרשטעלען, אז דאס זענען אלץ מענשען, ווי מיר זענען, פאַמיליעס מיט פרויען און קינדער ווי אונזערע, וועלכע גאַרען נאָר נאָך אַביסעלע רוה און ארבייט אין דעם עקעלהאַפטען פּאָליטיש צוזאמענעם עמק הבכה אין וועלכען מיר לעבען אלע אַצינד; און ווען מיר שטעלען זיך פאָר, אז א סך פון אונז „גליקליכע"—און נישט נאָר יודען אליין—וואלטען זיך „צופעליג" געקענט געפינען אין זייער לאַגע—דאַן מוזען מיר, יעדער פון אונז בעזונדער, אויפוואַכען פון אונזער „זעלבסט-זיכערקייט" און פרעגען זיך: וואס קען מען טהון? וואָס דאַרף מען טהון? וואָס דאַרף מען טהון מיט עפּעס צו פערלייכטערען און פערזיכערען די עקזיסטענץ פון די הונדערטער און טויזענדער קרבנות פון דעם איצטיגען פּאָליטישען גהינום און פונ'ם אייראָפּעאישען געוויסען?

קענען מיר שווייגען, טאָרען מיר שווייגען? מיר יודען זענען „נאַטירליך" מעהר ווי אנדערע פעראינטערעסירט אין אָט דער ברענענדיגער מענשליכער פראגע, ווייל דער פּראָצענט פון יודען צווישען די הונדערטער טויזענדער געיאָגטע און געטריבענע איז אונגעהויער גרויס.

און דאָך טהוען מיר כמעט ווי גארנישט. מיר האבען שוין אפילו אויפגעהערט שרייען. ווי פאר א בייזער בלינדער סטיכישער קאַטאַסטראָפע שטעהען מיר אלע ווי געליימטע און „וואַרטען אויפ'ן ערגסטען". וואו זענען די צעהנדליגער און הונדערטער קאָמיטעטען מיט וועלכע עס האט געשווירבעלט „די יודישע גאַס" באַלד נאָכ'ן אויסברוך פונ'ם היטלעריזם?

וואו זענען אָלע אונזערע פיהרער, אָרגאַניזאַציעס און קאָנגרעסען? פאַרוואס שווייגען זיי איצט, פאַרוואס טהוט מען איצט גאָרנישט? זענען די יודישע מחות שוין אויסגעטריקענט, זענען די הערצער שוין פול מיט יאוש און ציניזם?

אָפּט בעקומט זיך דער איינדרוק ווי מיר וואלטען געשטאַנען אלע מיט איינגעבויגענע קעפּ און געוואַרט דער שטורם זאָל שוין אריבער. זאָל ער אָנמאַכען וואס פאר א חורבנות ער וויל, אַבי ער זאָל שוין אריבער.

דעם קומענדיגען הערבסט וועט דער פעלקערבונד זיך בעשעפטיגען. מיט דער פראגע פון די פּאָליטישע און ראַסע פערפאָלגטע.

די קומענדיגע סעסיע פונ'ם פעלקערבונד וועט זיין אין דעם פרט אַ זעהר וויכטיגע: דאס נאנסען-ביוראָ צו העלפען און שיצען די פּאָליטישע פערפאָלגטע ווערט ליקווידירט און א נייע עהנליכע קאָמיסיע וועט מוזען געגרינדעט ווערען פון און ביים פעלקערבונד.

גרייט זיך די פעראַנטוואָרטליכע יודישע געזעלשאפטליכקייט צו דער קומענדיגער סעסיע פון דעם פעלקערבונד? האט זי וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע פּלענער פאָרצושלאָגען? האבען זיך די פאָרשטעהער פון אונזערע פעראַנטוואָרטליכע אָפיציעלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס געפרובט צוזאמענרעדען און אויסארבייטען צוזאמען אַ קאָנסטרוקטיווען פּלאַן ווי צו העלפען די הונדערטער טויזענדער יודישע און נישט יודישע פערפאָלגטע.

וואס איז געוואָרען מיט דעם רוף פון וואַשינגטאָן צו ענגלאַנד און אַנדערע דעמאָקראַטישע מלוכות וועגען הילף פאַ" די דייטשע און עסטרייכישע עמיגראַנטען?

האבען איינפלוסרייכע יודישע פּאַרטייען און יחידים געפרובט אויסאיבען וועלכען עס איז דרוק און „גיבען לעבען" אָט דעם וואונדערבארען רוף פון אמעריקא וועלכער האט אויסגעזעהן ווי א נס בשעתו?

און אויב יאָ מעגען מיר וויסען אין וועלכער פאָרם, און וועלכער ריכטונג?

ווי שוידערליך און קאטאסטראָפאַל די לאַגע זאָל נישט זיין, קען דאך זיין, אַז עס איז נאָך אלץ פערהאַן פּלאַץ פאַר קאָנסטרוקטיווע פּלענער און ארבייטען ווי צו העלפען די הונדערטער טויזענדער געיאַגטע און געטריבענע, וועמענס צאהל עס ווערט אלץ גרעסער און מורא'דיגער.

איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען דער פעלקערבונד זאָל פרובען זיי העלפען דורך קאָלאָניזאַציע?

פאַרוואס זאָל איצט נישט פעררופען ווערען א קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון אלע פעראַנטוואָרטליכע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטען — יודישע און נישט-יודישע, וועלכע זענען „ריין מענשליך און נישט פּאָליטיש" פעראינטערעסירט אין דער פראַגע, און פרובען אויסארבייטען פּראַקטישע פּלענער פון קאָנסטרוקטיווער הילף און זיי פאָרשלאָגען פאַר'ן פעלקערבונד. ערשט אין הערבסט וועט דער פעלקער-בונד בעהאַנדלען די דאָזיגע פראַגע. אבער די און אנדערע פאָרבערייטונגען מוזען שוין געמאכט ווערען.

די ספרדישע יודען וואַכען אויף

אין אמסטערדאַם איז לעצטענס פאָרגעקומען די צווייטע וועלט-קאָנפערענץ פון די ספרדישע יודען אויף וועלכער ס'האבען זיך בעטייליגט פאָרשטעהער פון אלע ספרדישע קהלות אויף דער גאנצער וועלט. דער הויפּט-צוועק פון דער קאָנפערענץ איז געווען: אויפהויבען דעם גייסטיגען מצב פון די ספרדישע יודען און זייער ראָלע אינ'ם לעבען פון אלגעמיינעם יודענטום. אָט דער פראַגע זענען געווען געווידמעט די אלע רעפעראַטען און דיסקוסיעס אויף דער דערמאנטער קאָנפערענץ.

*

אין משך פון הונדערטער יאהרען, זענען די ספרדישע יודען געווען גלייכגילטיג צו די אלע פּראָבלעמען און בעוועגונגען, וואס זענען ענטשטאנען אין אלגעמיינעם יודענטום. דער דרוק פון דער אויסערליכער וועלט אויף די ספרדים איז נישט געווען אזוי שטאַרק ווי אויפ'ן אשכנזישען יודענטום. זייער צוגאַנג צו יודישע פראַגען און דער אופן פון לעזען זיי איז געווען א פועל יוצא פון געמיטליכקייט און רחבות אנדערש ווי ביי די אשכנזים, וועמענס לעבענס-גורל איז געווען שווערער און גרויער.

אין משך פון יאהרהונדערטער איז די העגעמאָניע אין יודענטום געלעגען אין די הענד פון די ספרדים, וועלכע האבען אין זיך קאָנצענטרירט כמעט דעם גאנצען יודישען זשעני אין גלות און געשאפען פאר'ן גאנצען פאָלק אויף לאַנגע צייטען און דורות. זיי האָבען אונז געגעבען דעם רמב"ם, רבי יהודה הלוי, שלמה בן גבירול און די אלע משוררים מקובלים און דענקער פון דער גאלדענער תקופה. אויך נאָך דעם, ווי מ'האט פערטריבען די יודען פון שפאניען, האבען זיי אונז געגעבען גרויסע פערזענליכקייטען אויף פערשידענע געביטען.

ס'איז גענוג צו דערמאנען ברוך שפינאָזאָ — דער לעצטער שטערן אויפ'ן ספרדישען הימעל.

און ווי אזוי איז דאס געשעהן, וואס נאָך דעם גרויסען אויפשטייג, איז געקומען אזא ירידה אין גייסטיגען און שעפערישען זין. מיר הערען היינט גאָרנישט פון די ספרדישע יודען; זיי פערנעמען כמעט קיין פּלאַץ נישט אין דער יודישער געזעלשאפטליכער ארבייט. מ'הערט נישט זייער שטים אין דער ליטעראַטור און אויך אין דער רבנישער וועלט, וואו זיי האבען ארויסגעגעבען גרויסע אויטאָריטעטען, שפּילען זיי היינט נישט קיין ראָלע. ס'איז פון זיי געבליבען אויב נישט קיין טרוקענער איז יעדענפאלס נישט קיין פרוכטבארער צווייג. די העגעמאָניע אין יודענטום איז אין משך פון די לעצטע פיער פינף הונדערט יאהר אינגאנצען איבערגעגאנגען צו די אשכנזים.

וואו איז פערשוואונדען געוואָרען דער שאפונגס-כח פון דאָזיגען שבט, וואו האט זיך פון איהם אָבגעטהון דער רוח הקודש אין צייטען פון רענעסאנס פון יודישען פאָלק? פאַרוואָס האט זיי נישט אָנגעריהרט דער יודישער אויפלעבונגס-גייסט און נישט אויפגעוועקט פון זייער לעטארגישען שלאָף, נישט בעניצט זייערע שאפונגס-כוחות?

געוויס האבען צו דער גייסטיגער ירידה פון ספרדישען יודענטום גורם געווען היסטאָרישע סבות. וועלכע פון זיי איז געווען דעצידירענד, איז שווער פעסטצושטעלען. מ'קאָן אָנווייזען אויף פערשידענע סיבות. דער וויכטיגסטער נעגאַטיווער פאַקטאָר, וואס האט געבראַכט די ספרדישע יודען צו דעם מצב, איז די שפראַך, דאס שפּאַניאָליש.

אַ דאַנק דער שפראַך האבען זיי פערלוירען דעם קאָנטאַקט מיט'ן יודענטום אין אַנדערע לענדער. די אשכנזים — דאס רוסיש פוילישע יודענטום האט איבערגעלעבט אַ תקופה פון בערך 150 יאָהר פון גייסטיגע אויפטרייסלונגען, פון אינערליכע פערטיפונגען, וועלכע האבען צוגעגרייט די יודישע פאָלקסנשמה אויפצונעמען די אויפלעבונגס און בעפרייאונגס-לאָזונגען. דער השכלהפעריאָד פון מענדעלסאָנ'ס צייטען אָן, האט אין דעם זין ערפולט אַנ'ערשטקלאַסיגע לעבענס אויפגאַבע. די השכלה האט אַרויסגעצויגען דעם געפענטעטען יודישען גייסט פון דעם ענגען געטאָ און ענטפּלעקט פאר איהם נייע האָריזאָנטען, נייע פאָדערונגען פון דער געשיכטע, פון זיך זעלבסט, פונ'ם לעבען און פון דער אויסערליכער וועלט. די השכלה האט ערפולט אינ'ם לעבען פון פאָלק די וויכטיגסטע גרויסע אויפגאַבע פון בענייאונג. זי האט ווידער אַמאָל אויפגעלעבט די העבּרעאישע שפראַך און אונז בעהעפט מיט די אַלטע שאַפונגס קוואַלען—מיט'ן תנ"ך.

די העבּרעאישע וויסענשאַפט אין אַלע איהרע הויפּט אָבצווייגונגען איז געשאַפען געוואָרען אונטער דער וויריקענדער השפעה פון דער השכלה. די אַלע חכמי אשכנז, אָנהו'בענדיג פון די גאַליציאַנער — ראַפּאָפּאָרט, רנ"ק, צונץ, גייגער, די אַלע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען געשאַפען אַ נייע קולטור תקופה אין יודישען פאָלק, זענען צו אונז געקומען אַ דאַנק דער השכלה.

נאָך דעם איז געקומען דער צווייטער פעריאָד, וועלכער האָט גע'ירשנ'ט דעם ערשטען—דער פעריאָד פון נאַצייאָנאַליזם, וואס איז געגאַנגען האַנד ביי האַנד מיט'ן ציוניזם. געוויס זענען נישטאָ קיין גענויע גרעניצען צווישען איין תקופה און דער צווייטער, ווייל איינע דרינגט אַריין אין דער צווייטער.

די פופציג יאָהר פון פּאָליטישען ציוניזם זענען פאַר דעם אשכנזישען יודענטום געווען צייטען פון ערנסטער פערטיפונג אין אַלע נאַציאָנאַלע ווערטען. אַלע אונזערע אַלטע און נייע קנינים זענען דורכגעגאַנגען אונטער אַ נייעם פּראָזשעקטאָר און האבען בעקומען אַ נייעם שיין און אַ נייעם לעבענס-ריטם.

די ספרדישע יודען זענען געווען איינגעשלאָסען צווישען טערקען, בולגאַרען, אַראַבער, פון וועלכע זיי האָבען נישט געקענט בעקומען קיין קולטורעלע אָנרעגונג. אָט צוליעב דער שפּראַכליכער און געאָגראַפישער איזאָלירונג האבען זיי פערלוירען דעם קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער יודישער קולטור.

ערשט אין די לעצטע צוויי צעהנדלינג יאָהר האבען אַ טייל פון די ספרדים זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען. זיי האבען דערפיהלט, אַז זיי זענען געבליבען אויף אַ גרויסען מרחק צוריקגעשטאַנען, איבערהויפּט אין זייער אנטייל קליין אין בנין הארץ. זיי האבען אָנגעהויבען צו קומען מיט טענות אַז די אשכנזים האבען פערכאַפּט די מאכט אינ'ם ארץ-ישראל אויפבוי.

אָט דער כמעט טרוקענער צווייג פון יודישען בוים הויבט איצט אָן ווידער צו גרינען. די ספרדישע יודען אָרגאַניזירען זיך און שליסען זיך אָן צו דער גרויסער יודישער געזעלשאַפטליכקייט. די אויפוואַכונג פון די ספרדישע יודען וועט געוויס זיין א ברכה פאַר'ן יודישען פאָלק, וועט צוגעבען פריש בלוט און שאַפונגס-ענערגיע דעם גאַנצען יודישען אָרגאַניזם.

ש. אָקסמאַן

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

רעמאָנט..

אין דער גאַנצער מדינת פוילען קומט איצט פאר אַ רעמאָנט פון די הייזער און גאַסען; רק מען האַלט אין איין רעמאָנטירען. און נישט נאָר בלויז די הייזער פון דרויסען, וועלכע געהען מיט'ן פנים אין גאָס אריין, נאָר אויך די אָפיצינעס, וועלכע קוקען אין הויף אריין, מוזען רעמאָנטירט ווערען. דאָס זעלבע איז מיט די גאָסען. נישט נאָר בלויז די גאָסען ווערען אספאַלטירט, נאָר אויך די הויפען ליגען אונטער'ן דאָזיגען בעפעהל און מען מוז זיי אויספלאַסטערען מיט גלאַטע פיינע כאַדניקעס.

די בעלי בתים האלטען דאס פאר אַ שרעקליכע גזירה און זענען מקנא די לאָקאַטאָרען, וועלכע לעבען זיך במנוחה, רוהיג, אָהן קלאָפּאָטען, אינדערצייט, ווען זיי, די הויז-ווירטען, נעביך, מוזען כסדר רעמאָנטירען זייערע הייזער און אויסגעבען אזוי פיעל געלד פון דעם בידנעם דירה-געלד, וואס זיי נעמען צונויף פון זייערע לאָקאַטאָרען. און נישט בלויז די הויז-ווירטען פון קליינע הייזקעס האבען א טענה, נאָר די בעלי בתים פון גרויסע הייזער זענען ממש אומגליקליך, וואס זיי מוזען אַריינלייגען אַזוי פיעל געלד אויסצופוצען זייערע הייזער. זיי זענען דאס גאָרנישט געוואוינט; ביז איצט האבען זיי געוואוסט בלויז צו נעמען און צוליעב דער שרעקליכער גזירה מוזען זיי אָה ווינה, אויך אויסגעבען.

אורבאַניסטיק. דאס איז משמע, אַז דער אויסזעהן פון דער שטאָדט מוז זיין שעהן, עסטעטיש, אַזוי אַז דאָס אויג זאָל זיין צופרידען און די שוואַכע פיס זאָלען נישט צוקלאַפּט ווערען פון די שפּיציגע שטיינער פון ברוק.

ווער קאָן האבען (כ'מיין אויסער די בעלי בתים) געגען דעם. אדרבה, זאָל די שטאָדט זיין שעהן, די הויפען אין אָרדנונג. לעבען מיר דאָך עפּיס אין 20 טען יאָהרהונדערט, ווען די טעכניק האט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט, טאָ צו וואָס זאָל מען לעבען אָבגעריסען און אָבגעשליסען. זאָל אַלעס טאַקי גלאַנצען, אַזוי אַז עס זאָל פערכאַפּען דאס אויג און מאכען ווייך די פערהאַרטעוועטע נשמה.

קורץ, אַלע איינוואוינער פון דער רעפּובליק דאַרפען זיין צופרידען, וואס אונזער מיניסטעריום, וועלכעס האט די אויפגאבע צו זאָרגען פאר אורבאַניסטיק, פאר דעם עסטעטישען אויסזעהן פון דער מדינה, איז זעהר שטרענג און פיהרט אדורך די פעראָרדנונג מיט'ן גאַנצען חומר הדין. אַ קליינטשיקע פראַגע, וואס איז אזוי גרויס ווי א ווערימיל פּיקט אבער דעם מח און פרעגט: אפשר וואָלט מען ביי דער געלעגענהייט, ווען מען רעמאָנטירט די הייזער און גאסען אויך כדאי געווען אויסצורעמאָנטירען די מענשען. יעדענפאלס נישט ווייניגער, ווי די גאסען און הייזער. זאָל מען זיך בעמיהען, אַז אלע בירגער פון פוילען זאלען אויסערליך אויסזעהען שעהן, אַז זייערע קליידער זאָלען זיין נישט אָבגעריסען און אָבגעשליסען און אויך זייערע מאָגענס זאלען נישט אויסזעהען ווי חורבה'ס, און דער עיקר — די נשמה, וואס איז לעצטענס ביי אונז שטאַרק פערנאַכלעסיגט געוואָרען און פון טאג צו טאג ווערט זי אלץ מעהר פערדאָרבענער, אַזוי אז ס'פיהלט זיך שוין פון איהר זאָגאר א שלעכטען ריח, נויטיגט זיך שטאַרק אין א רעמאָנט, אַנדערש דראָהט א סכנה, אז זי זאָל אינגאנצען פערניכטעט און פערשוואונדען ווערען.

ממה נפשך, אַז רעמאָנט, זאָל שוין זיין דער אמת'ער רעמאָנט!...

נישטאָ וואָס מקנא צו זיין...

יעדעס מאָל, ווען ס'האבען אָנגעריקט די וואַקאַציעס, האט זיך נישט ווילענדיג ארויסגעריקט א שטיקעל קנאה, סיי צו די שילער, סיי צו די לעהרער, וועלכע זענען גאַנצע צוויי חדשים פריי, ווארפען פון זיך אראָב דעם עול און טראַכטען וועגען גארנישט. די קנאה איז נאָך געווען גרעסער ביי די יעניגע, וועלכע האבען זייער יוגענד פערבראַכט אין חדר, וואו מען האט פון קיין וואַקאַציעס איבערהויפּט גישט געוואוסט, נאָר אַ גאַנץ קיילעכדיג יאהר איז מען געווען צוגעבינדען צום אָפּט-מאָל נישט אזוי זויבערען חדר און שטענדיג געהאט אויף זיך דעם שווערען עול.

היינטיגע צייטען אבער איז די קנאה נישט אזוי גרויס, ווייל עס איז צרת רבים, ווארום אפילו די שילער, עס פערשטעהט זיך-יודישע, זענען היינט נישט אָזוי גליקליך; זיי זענען אויסערליך טאַקי פריי, זיי געהען נישט אין דער שולע און דאַרפען נישט קיין לעקציעס מאַכען, דערפאַר אבער איז זיי נישט אָזוי פרעהליך אויף דער נשמה, ווען זיי גיבען אַ טראַכט וועגען תכלית, וואס וועלען זיי טהון מיט זייער לצהרע, מיט זייערע דיפּלאָמען — אין דער צייט פון די למודים האבען זיי נישט קיין צייט וועגען דעם צו טראַכטען, בעת די וואַקאַציעס מאַכען זיי אַ שטיקעל חשבון הנפש און דאַן איז דער סך-הכל אַ טרויעריגער, אַזוי, אַז עס איז זיי נישטאָ וואס מקנא צו זיין...

אַ מוהל מיט קוואַליפיקאַציעס...

צווישען די אינטערעסאַנטען, וועלכע קומען זעהר אָפּט אין רעדאַקציע. האט זיך געוואָרפען אין אויג איינער, אַ שעהנער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדעל און יודיש היטעל, וועלכער האט זיך געהאַלטען אין דער זייט און געוואַרט ביז דער „פאַן רעדאַקטאָר" וועט זיין אַליין, כדי מיט איהם פערזענליך צו בעשפּרעכען אַ וויכטיגען ענין.

— וואס זאָגט איהר גוטס, יונגערמאַן?—פרעג איך איהם בעת מיר זענען געבליבען אַליין. דער יונגערמאַן רופט זיך אבער גאָרנישט אָן, נעמט אַרויס אַ פּאַק פּאַפּירען און לייגט זיי מיר אַנידער, אַז איך זאָל זיי לעזען. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דאס איז איינער פון יענע יונגע לייט, וועלכע שווענדען אַרום איבער די רעדאַקציעס מיט זייערע כתבים, האט זיך מיר שטאַרק נישט געגלוסט אָנצוריהרען דאס פּעקיל. דער יונגערמאַן האט מיך אָבער אָנגעקוקט מיט אַזעלכע מילדע אויגען, אַז כ'האָב געעפענט די כתבים און אָנגעהויבען אין זיי אַריינצוקוקען. ווי איבערראַשט בין איך אבער געוואָרען, ווען כ'האָב געזעהען, אַז דאס זענען גאָר צייגנישען פון דאָקטוירים, דאס דער בעטרעפענדער יונגערמאַן איז אַ מוהל און אָט בעשייניגען אַ

יודען אין טשעכען

א גאנצע וועלט קוקט איצט מיט שפאנונג אין יענעם ווינקעל פון מיטעל-אייראפע וואס איז אמאל געקאנט געווען אלס מלכות ביהם (בעמען) שפעטער איינגעשלאסען געווארען אין עסטרייך, מיט 20 יאהר צוריק אויפגעשטאנען תחית-המתים אונטער'ן נאמען טשעכאסלאוואקיי און היינט וויל דייטשלאנד ווידער איינשלינגען דעם געביט.

ווי לאנג וואוינען שוין יודען אין יענער מדינה?

דער ענטפער איז:

אזוי לאנג ווי אין פוילען און אונגארן, ד. ה. נאך פון יאהר 312, ווען דער רוימישער קייסער קאנסטאנטין דער גרויסער איז געווארען א קריסט און האט גענומען שיטען מיט גזירות אויף יודען פון ירושלים און אנדערע לענדער ארום ארץ ישראל אזוי ווייט, אז אונזערע עלטער-זיידעס פון יענע מקומות האבען נישט געהאט קיין אנדערע ברירה ווי צו נעמען דעם וואנדער-שטעקען אין דער האנד אריין און געהן וואו די אויגען וועלען טראגען. לויט א היסטארישען דאקומענט וועלכער גיט אויף די דאזיגע דאטע (אגב איז יענע תקופה אין דער וועלטגעשיכטע בעקאנט אונטער'ן נאמען די „גרויסע פעלקער-וואנדערונג" פון אזיע קיין אייראפא), וואוינען יודען אין פוילען, אונגארן און טשעכען העכער 16 הונדערט יאהר.

דער יודישער קיבוץ אין טשעכען האט פון זיך ארויסגעגעבען א גרויסע צאהל למדנים, גאונים, רבנים און געלערנטע. איבערהויפט צייכענט זיך דערמיט אויס די עיר ואם בישראל פראג, די דאזיגע שטאדט איז באמת געווען א מקום תורה וחכמה.

דארט האבען עקזיסטירט א סך ישיבות, וואס אין זייער שפיץ זענען געשטאנען אזעלכע גאונים ווי ר' יעקב פאליאק (דער שעפער פון פלפול), ר' יום-טוב ליפמאן העלער (מחבר פון „תוספות יום טוב" און נאך ווערטפולע ספרים), ר' יחזקאל לאנדוי (דער „נודע ביהודה"), דער מהר"ל מפראג און א סך, א סך אנדערע.

אויף עטליכע פון זיי איז כדאי כאטש בקיצור דא זיך אבצושטעלען.

דער „תוספות יום טוב" שטעלט מיט זיך גופא פאר א שטיק געשיכטע פון די יודען אין יענע מקומות במשך דעם 30-יאהריגען קריג 1618–1648.

דער רב איז געווען דער פארזיצער פון דער קאמיסיע אויף פונאנדערצוטיילען דעם שטייער, וואס אלע בעמישע קהלות האבען יעדעס יאהר געמוזט אריינשיקען אויף מלחמה-הוצאות אין וויען. ווי ווייט ער זאל זיך נישט בעמיהען יושר'דיג צו בעשטימען דעם חלק, וואס די אדער יענע קהלה זאל צושטייער געבען, איז איהם פארט נישט בעשערט געווען, ער זאל דערפון קיין צרות נישט האבען.

זעהר ביטער פאלט אויס דער גורל זיינער. די שונאים גיבען א רוק אונטער א „פאפיר" קיין וויען, אז דער דאזיגער רב האט דא נישט ערליך געהאנדעלט. וואלט דאס אפשר דער וויענער רעגירונג נישט אזוי שטארק אנגעגאנגען, ווארום „איר" געלד האט זי דאך סיי ווי סיי שוין געקריגען, נאר כדי דער דאזיגער „מועל" אין צרכי הצבור זאל דאך כאפען א פסק, מוז צו דער מסירה נאך עפעס צוגעהן: אין זיינע ספרים „האט ער בענוצט ווערטער וואס פערשאפען נישט קיין כבוד דעם קריסטענטום".

דער עסטרייכישער קייזער גיט זיך אין דעם בלבול באלד א כאפ אן און הייסט דעם דאזיגען גרויסען יוד ארעסטירען און ברענגען קיין וויען.

אין וויען ווערט ער אריינגעזעצט צוזאמען מיט קרימינעלע פערברעכער: גנבים, באנדיטען און מערדער.

עס דראהט איהם אויך טויט-שטראף. ערשט א דאנק דער גרויסער און מסירת-נפש'דיגער השתדלות מצד דער וויענער קהלה בעוויליגט דער קיסר איהם צו הייסען פרייזאזען פון תפיסה, אבער קיין רב אין פראג טאר ער מעהר שוין נישט זיין און דערצו מוז ער נאך בעצאהלען שטראף אין דער מלוכה קאסע אריין אזש צעהן טויזענד גולדען. פערלירענדיג מיטאמאל אי דאס רבנות, אי מיטלען צום לעבען, לאזט ער זיך פון דארט אוועק קיין פוילען, וואו ער געפינט א נייעם כסא רבנות אין קראקא.

אביסעל שפעטער איז געווארען רב און ראש ישיבה פון פראג דער „מהר"ל" אדער ר' לוי בן בצלאל (דער „גור אריה)". ער איז א גרויסער בעל-מקובל און אויך אן אלכעמיקער. דער קייסער רודאלף לאדט איהם צו זיך און האלט מיט איהם אב פערטרויליכע שמועסען אויפ'ן געביט פון דער דאזיגער קונסט, וואס האט דאן אין גאנץ אייראפא א גאר גרויסען ערפאלג.

ר' לוי'ס נאמען ווערט מפורסם אין אלע מלוכה'שע און אריסטאקראטישע הויפען אלס „דער האהע רבי לעוו". א דאנק דער אלכעמיע און די סודות פון קבלה לויט'ן „ספר יצירה", בעשאפט ער דעם גולם, וועלכער זאל אויספיהרען אלץ, וואס מען וועט נאר הייסען, ווי מציל זיין יודען פון צרות, געהן א שליחות לטובת יודען א.ד.גל. א סך אגדות ווערט דערצעהלט וועגען דאזיגען גולם. איינעם פון זיי וועלען מיר ברענגען דא.

אמאל אין א פרייטאג פארנאכט, ווען דער עולם שטעלט זיך צו קבלת שבת, דערהערט דער מהר"ל אין שוהל, אז די שטאדט פראג קאכט ווי א קעסעל.

וואס איז געשעהן? גארנישט, נאר דער גולם לויפט ארום, ווי א משוגענער איבער אלע גאסען און געהט חרוב מאכען גאנץ פראג. לויפט דער מהר"ל ארויס אין מיטען „מזמור שיר ליום השבת", לאזט זיך לויפען נאכ'ן גולם, כאפט איהם און נעמט איהם ארויס פון אונטער דער צונג דעם „שם". דא פאלט דער גולם אום און עס בלייבט פון איהם נישט מעהר ווי א בארג ליים. דאס דאזיגע ליים, וואס האט אמאל געהאט א רוח חיים, ווערט ארויפגעטראגען אויפ'ן בוידעם פון דער אלט נייער שוהל, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארען נאך אין 8 טען יאהר-הונדערט. צוליב יענער מעשה מיט'ן גולם, ווערט אין דער דאזיגער שוהל נאך היינט דער „מזמור שיר ליום השבת" געזאגט צוויי מאל.

נישט איין לאגיל טרעהרען האבען יודען אנגעפילט, סיי אין בעמען, סיי אין מערען: גרושים, פאגראמען, קאנפיסקאציעס פון פארמעגען, קאנטריבוציעס, פאלשע בלבולים אין משך פון 1059 ביז 1844.

נישט איינמאל האט דארט געפאכעט די שווערד איבער אונזערע העלזער, נישט איינמאל זענען די פערטריבענע יודען באלד דערנאך צוריקגערופען געווארען קיין פראג און אנדערע בעמישע און מערי'שע שטעדט און באלד דערנאך ווידער פערטריבען געווארען. זעהר א סך קינות און סליחות זענען צוליב דעם פערפאסט געווארען.

א כאראקטעריסטישע זאך זעהט זיך ביי אלע בעשרייבער און בעקלאגער פון די אהן א שיעור טרויעריגע געשעהענישען ביי יודען אין בעמען און מערען: די אייגענטליכע פעלקער פון יענע מדינות (טשעכען, סלאוואקען און און אנדערע סלאווען) ווערען מיט קיין שלעכס ווארט נישט דערמאנט, און דאס דערפאר, ווייל די אמת'ע שולדיגע אין אונזערע צרות און געווינערייען זענען גאר געווען פרעמדע —דייטשען, יעזואיטען און אנד.

דאס האבען יענע מיטגעבראכט מיט זיך צו די סלאווישע פעלקער די מורא'דיגסטע רשעות'ן, „קלוג געמאכט" דעם ארטיגען עולם, ער זאל זעהן ווי „געפעהרליך" דער יוד איז פאר זיי, ווי אווי מ'דארף מיט די יודען „ל.רנען בלק".

און אויך איצט חור'ט די געשיכטע

רעכטליכע אקטואליטעטען

פערטרעטונגס-דינסט

דאס אינערן-מיניסטעריום האט פערעפענטליכט א מעלדונג, אז די אזוי גערופענע פערטרעטונגס-דינסט וועלען מוזען דורכמאכען אלע ביז 50 יעהריגע פערזאנען, וועלכע האבען רעגולירט זייער מיליטער-דינסט פערהעלטניש אין א פערשפעטיגטען טערמין.

אט די דערמאנטע בעשטימונג איז נישט קלאר פארמולירט און גיט דעריבער א גרונט פאר פערשידענע אויסטייטשונגען.

דער איינציגער שווערפונקט פון בעריהרטען ענין ליגט אייגענטליך אין דער פראגע, וואס הייסט דאס אזוינס אין דעם] פרט „פערשפעטיגטער טערמין"? צי קומט דא אין בעטראכט די צייט, ווען די פוילישע מאכט האט גערופען דאס בעטרעפענדע יאהרגאנג צו דער פאבאר-קאמיסיע אדער אפשר בעציהט זיך דער פארבעהאלט נאר צו דער צייט, ווען די געגעבענע פערזאן איז אלט געווארען 21 יאהר?

מיר וועלען קודם כל אנאליזירען די ערשטע השערה: אלע דינסט פעהיגע יאהרגענג זענען געשטעלט געווארען פאר די פאבאר-קאמיסיעס אין יאהר 1920. די פערזאנען פון די דערמאהנטע יאהרגענג, וועלכע האבען זיך נעשטעלט פאר די פאבאר קאמיסיעס נאכ'ן 1920-טען יאהר קאנען לויט דער דאזיגער השערה בעטראכט ווערען אלס צוגעשטעלטע אין א פערשפעטיגטען טערמין און מילא אויב זיי זענען נאך איצט נישט אלט קיין 50 יאהר, וועט מען זיי רופען צו דערפיהלען די פערטרעטונגס-דינסט. ס'קאן זיך אלזא דא האנדלען אין פערזאנען פון די יאהרגענג: 1889, 1890, 1891, 1892, 1893, 1894, 1895, 1866 און 1897.

איצט וועלען מיר בעהאנדלען די צווייטע סברה: די ערשטע נארמאלע רעקרוטאציע איז דורכגעפיהרט געווארען אין יאהר 1919, און האט ארומגענומען דאס יאהרגאנג 1898, אלע פערזאנען פון די יונגערע יאהרגענג, וועלכע האבען זיך אין די ווייטערדיגע יאהרען געשטעלט פאר די פאבאר-קאמיסיעס, זייענדיג עלטער ווי 28 יאהר האבען זיך ממילא געשטעלט אין א פערשפעטיגטען טערמין, קוים זענען זיי נאך איצט נישט אלט קיין 50 יאהר דארף מען זיי אין הסכם מיט דער צווייטער סברה טאקע אריינציהען אין פערטרעטונגס-דינסט.

אין ביידע פאלען איז דערביי נישט קיין אונטערשיד צוליב וואספערע סיבה די פערשפעטיגונג איז פארגעקומען. צי ווייל דער בעטרעפענד'ער איז צוריקגעקומען פון אויסלאנד, האט ערשט אנגענומען די פוילישע בירגערשאפט אדער זיך אויסבעהאלטען פון מיליטער דינסט.

אין שייכות מיט'ן בעהאנדלען דעם דערמאנטען ענין ענטשטעהט אבער נאך א פראגע און נעמליך. צי מיינט מען מיט'ן „רעגולירען די מיליטער דינסטליכע פערהעלטניש אין פערשפעטיגטען טערמין" בלויז לגבי דעם פוילישען מיליטער דינסט אדער צי ווערען אויך בעריקזיכטיגט די רעקרוטאציעס בימי אקופאנטען?

נעמענדיג אן די לעצטע טעזע אלס מאסגעבענד קומט דאך אויס, אז בלויז די יאהרגענג 1893, 1894, 1895 1896 און 1897 זענען געשטעלט געווארען פאר די פאבאר-קאמיסיעס אין א פערשפעטיגטען טערמין און דעריבער דארף בלויז אויף זיי חל זיין די בעשטימונג וועגען פערטרעטונגס דינסט.

צום סוף רוקט זיך ארויס די וויכטיגסטע פראגע, פון וועלכען טערמין אן וועלען די פערשפעטיגטע אריינגעצויגען ווערען אין פערטרעטונגס-דינסט? צי בעציהט זיך די דערמאנטע בעשטימונג בלויז צו אזעלכע פערשפעטיגטע נאכ'ן אריינטרעטען פון געזעץ וועגען פערשפעטיגונגס דינסט אין קראפט אדער צי שפרייט אויך אויס די דאזיגע בעשטימונג איהר ווירקונג אויף דער פריהערדיגער צייט?

לויט אונזער מיינונג דארף קומען אין בעטראכט בלויז די ערשטע ווערסיע, די בעשטימונג וועגען אריינציהען אין פערטרעטונגס דינסט די פערזאנען, וועלכע האבען זיך געשטעלט פאר די פאבאר-קאמיסיעס אין א פערשפעטיגטען טערמין, קאן דעריבער האבען אן'אנווענדונג אויסשליסליך לגבי די פערזאנען, וועלכע האבען זיך פערשפעטיגט נאכ'ן אריינטרעטען אין קראפט פון געזעץ וועגען דער פערטרעטונגס דינסט און ס'איז בכלל נישט ווארשיינליך, אז די בעשטימונג זאל קאנען אויסגעברייטערט ווערען אויך אויף אזעלכע פערשפעטיגטע אין משך פון דער פריהער אבגעלאפענער צייט.

מסתם וועט דער דערמאנטער ענין בקרוב בעקומען אן'אלזייטיגען אויטאריטאטיווען אויפקלער.

י. אינפעלד

זיך איבער. אויך איצט דרינגען די דייטשען אין דאזיגען לאנד אריין, און צוזאמען מיט זייער ברוטאלער ממשלה אויסצוראטען ח"ו דעם דארטיגען יודישען ישוב.

י. וו—ב

רייה גינעקאלאגען דאקטוירים, אז ער האט געענדיגט היגענישע קורסען און אז ער פיהרט אויס געהעריג זיין עובדה פון „אומגליקליך מאכען" מענשען, מאכענדיג זיי פאר יודען.

וואס שייך צו זאגען—מיר פראגרעסירען, ווען האט דאס א יודישער מוהל געדארפט האבען די אלע היגיענע-בעשייניגונגען, מיט ענדיגען קורסען. נישט יעקיל בארושיקאווסקי, נישט מיין זיידע און נישט אלע אנדערע מוהלים האבען דאס געדארפט און פונדעסטוועגען זענען די אלע געמאכטע יודען דורך זייער ארבייט געווען הייסע יודען און האבען געליטען אלס יודען. לעבען מיר אבער אין די היינטיגע צייטען פון היגיענע און פראגרעס, מוז דער יונגערמאן אברהם משה קרישעק אזעלכע בעשייניגונגען יא האבען.

אפילו א מוהל מוז היינטיגע צייטען בעזיצען קוואליפיקאציעס...

ווי אזוי קאן מען דאס פערשטעהן?...

אין שטאדט טומעלט זיך וועגען ענין כשרות און נאך מעהר וועגען חילול שבת, וואס ווערט וואס אמאל אלץ מעהר פערשפרייט צווישען יודען.

קומען פאר אסיפות אין ראבינאט, ביי די „שומרי-שבת" און אויך ביי די טישען פון די היגע רביים.

צווישען אנדערע איז אויך פארגעקומען אן'אסיפה ביים היגען זשאריקער רבי'ן, וואו ס'האט זיך פערזאמעלט א גרויסער עולם און געטראכט: מה לעשות, וואס טהוט מען, אז מען זאל דאך קאנען דערהאלטען דעם שבת. טראכט מען און מען טראכט און יעדער פון די פערזאמעלטע קומט מיט אן'אנדערע עצה ווארום די סכנה איז גרויס, דער שבת, וועלכער איז דער עיקר העיקרים פון יודענטום, ווערט פערשוועכט; פון דער צווייטער זייט ווידער איז די עקאנאמישע לאגע פון יודען זעהר טרויריג—קענען דעריבער די פערזאמעלטע נישט אזוי שנעל דעצידירען וועגען אננעמען א החלטה, וואס וועט סיי-ווי-סיי נישט אויסגעפיהרט ווערען, שרויפט מען זיך זעם מוח און מען וויל געפינען א ראדיקאל מיטעל. אינדעם קומען אריין צוויי יודען, אנהענגער פון וויערושאווער רבי'ן, וועלכער איז היינט רב אין וויעלון, און איינער פון זיי, א יודישער פאבריקאנטעל—זאל מען איהם אנרופען: ר' משה איז ארויס מיט אזא לשון:

רבותי—האט ר' משה אנגעהויבען מיט א פייערדיגער שטימע—וואס טויגען מיר אייערע זיצונגען און מחברעכעניש, ווייל אויב איהר וועט זיצען פון היינט ביז איבער-א-יאהר, וועט איהר דען עפעס אויפטהון? ניין! ווען אפילו עס זאלען זיך דא פערזאמלען די גרעסטע יודישע חכמים וועלען זיי נישט אימשטאנד זיין צו ענדערען די זאך לאגע. איין עצה איז אבער יא דא און דאס איז, אז מען זאל אויפנעמען ביי אונז אלס רב דעם וויערושאווער רבי'ן, וועלכער אמטירט אין וויעלון, און נאר ער איז דער איינאיינציגער, וועלכער וועט זיין אימשטאנד צו מאכען א סוף פון דעם חילול שבת, וועט איהר אבער דאס נישט טהון, איז אומזיסט אייער זיצען און טראכטען, וועט זיך דער חילול השבת נאך מעהר פערשפרייטען אמן סלה.

די פערזאמעלטע זענען געבליבען ווי געפלעפט. אווא, האבען זיך א סך געטראכט, אט זיצט מען און מען קלערט תחבולות און דא קומט ר' משה און מיט צוויי ווערטער איז דער ענין שוין ערלעדיגט. איינער אבער פון עולם האט נאך ר' משה'ס פייערליכער דעקלאראציע געשטעלט פאלגענדע קלאץ-קשיה: נו גוט, איך בין מסכים, אז מען זאל אראבברענגען דעם וויערושאווער, אבער מיט וואס פאר א כח וועט ער דאס יא קאנען אבהיטען דעם חילול השבת. אויב דערמיט זאל מען זאגען, וואס ער איז רבי און זיין זכות וועט בעוועגען, האבען מיר, דאכט זיך, דא אין שטאדט א גרעסערען רבי'ן און דאס איז דער זשאריקער רבי און פונדעסטוועגען?! זאל מען ווידער אננעמען, אז דער וויערושאווער וועט קאנען אבהיטען פון חילול שבת אלס ענערגישער רב האבען מיר דאכט זיך דא אין טשענסטאכאוו גענוג ענערגישע רבנים, ווי למשל, ר' יוסף קליינפלאץ און אנדערע און פונדעסטוועגען קאנען זיי גארנישט אויפטהון, טא וואס פאר א ראלע וועט דא שפילען דער וויערושאווער אלס רב אדער אלס רבי.

אויף דער דאזיגער קשיה האט ר' משה נישט געגעבען קיין קלארען ענטפער, ער האט נאר פערגלאצט די אויגען, זיך אנגעכאפט ביי דער גאלערנער בארד און געגעבען א געשריי: אזוי איז עס און פטור!

דער עולם איז זיך ווידער פונאנדערגעגאנגען מיט גארנישט, נאר איינער דעם אנדערען האט זיך אנגעקוקט, געצויגען מיט די פלייצעס און געהיימניספול געפרעגט: וואס מיינט ר' משה מיט זיינע ווערטער, ווי אזוי זאל מען דאס פערשטעהן?...

זיי שניידען די פרוכטען...

אויב עמיצער זידעלט בפרסיא יודען, אויב צייטונגען פיהרען עפענטליך אן'אויסראטונגס-קאמף געגען יודען, איז עס היינטיגע צייטען לעגאל, ווערט דער מענש נישט בעשטראפט, אויך די צייטונגען ווערען נישט קאנפיסקירט, ווייל כך הוא דרכה של היינטיגע „אווּשעם"-צייטען.

די ערגסטע צרה איז אבער, וואס די דאזיגע גיפטיגע שלאנגען ווערען אויפגעהאדעוועט אויף יודישע בריסטען און ציהען יניקה פון יודישע קעשענעס און דאמאלס ווען די שלאנג ווערט שטארק און פעט, שפייט זי די זעלבע יודען אין פנים אריין און די בעשפיגענע יודען גיבען ווייטער אוועק זייער בלוט און געלד דער דאזיגער גיפטיגער שלאנג.

איך וועל דערצעהלען איין קליינעם פאקט:

אין טשענסטאכאוו עקזיסטירט אן'אלטע יודישע פירמע פון פרוכטען, וולאדאווסקי. מיט אן'ערך קנאפע צוויי יאהר צוריק האט זיך א גרויסער וואניעל, אן „אווּשעם" סוחר געעפענט א הורטאווניע פון פרוכטען, און 90 פראצענט יודען זענען זיינע קונים. דער „אווּשעם"-הורטאווניק האט אבער לעצטענס בעשלאסען אינגאנצען צו בעזייטיגען די אלטע יודישע הורטאווניע.

אין נומער 178 פון דער „אבעצע" געפונען מיר אן'אליארם-ארטיקעל אויף דער ערשטער זייט געגען דער פירמע וולאדאווסקי, באשר דאס און יענץ און נוסח „אבעצע" און אין דעמזעלבען נומער געפינט זיך אויך א גרויסער אנאנס פון דער „אווּשעם" פירמע וואניעל.

עס איז דאך בלי-ספק, אז דער ארטיקעל וועגען ליקווידירען די אלטע יודישע פירמע איז אינספּירירט פון דעם „אווּשעם" סוחר, וועלכען יודען אליין האבען אויפגעשטעלט און געשטיצט.

מילא, צום „אווּשעם"-סוחר און צו דער „אבעצע" קאן מען נישט האבען קיין טענה, ווייל אזוי איז עס בימינו—געגען יודען מעג מען פיהרען אפילו אזא „ערליכע" קאנקורענץ. וואס עס טהוט יא וועה, איז דאס, וואס די יודישע קונים מאכען ווייטער זייערע איינקויפען נאר אין דער „אווּשעם"-פירמע, וועלכע שפייט זיי אין פנים.

אזוי זענען אונזערע יודען, זיי שאפען אליין זיך שלאנגען און מוזען שפעטער שניידען די גיפטיגע פרוכטען...

לויתן

א פראגע, וואס פאדערט אן׳ענטפער.

שוין העכער צוויי יאהר זענען פער־לאפען זינט דעם מיליאן־קאמפיין, וועלכער האט אויפגערודער׳ט די גאנצע גמילת־חסדים בעוועגונג, אונטער דער לאזונג: „דאס פוילישע יודענטום צום זעלבסטהילף!" די גמילת חסדים טהוער פון גאנץ פוילען זענען ארויס אויף דער יודישער גאס און מאביליזירט אלע געזעלשאפטליכע פוחות צו שאפען א פינאנציעלען פונדאמענט פאר די אי־בערשיכטונגס־און אויפבוי־ארבייטען. אונטער דער אנפיהרונג פון „צעקאבע" האט די גמילת חסדים בעוועגונג גע־לאזט הערען איהר וואגיג ווארט אין דער פראגע פון ׳אויפבוי.

און דער מעכטיגער רוף פון די גמילת חסדים טהוער איז געפאלען אויף א פרוכטבארען באדען. דאס גאנצע פוילישע יודענטום האט גע־אייניגט געפאלגט דעם רוף.

די פערשטענדניש פון דער יודישער גאס פאר דעם קאמפיין, דער הויפט־בערינג צום ערפאלג פון דער אקציע איז דערגרייכט געווארען. אינ׳ם רע־זולטאט איז טאקע דער מיליאן קאמ־פיין אלס גאנצער געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. א גרויסער טייל קאסעס האבען דעם זעלבסטהילפס־קאמפיין געענדיגט מיט צופרידענשטעלענדיגע רעזולטאטען.

שוין העכער צוויי יאהר זענען פער־לאפען זינט יענער צייט.

היינט האלטען מיר שוין אין מיטען דער רעאליזאציע פון דער דאמאלס פערשפרייטער אידעע.

מיט גרויס צופרידענהייט לעזען מיר היינט וועגען דער טעטיגקייט פון די גמילת חסדים קאסעס ביי דער זייט פון „דזשאינט" און „צעקאבע" פאר׳ן אויפבוי און וועגען די צופרידענשטע־לענדע רעזולטאטען פון די דאזיגע ארבייטען. מיט דעם גרעסטען אינטע־רעס פאלגט די יודישע געזעלשאפט נאך די אויפבוי אויפטהוען פון דער צענטראלע.

א חוץ דעם פראקטישען און מא־רעלישען ווערט האט די אויפבוי־אר־בייט א וויכטיגע פסיכאלאגישע בע־דייטונג.

די אויפבוי־טעטיגקייט העלפט צו לעזען זעהר פיעל פראבלעמען און פראגען אינ׳ם לעבען און טעטיגקייט פון די גמילת חסדים־קאסעס. א חוץ דער פראגע פון הכנסות, וועלכע איז פאר פיעל קאסעס אן׳אנגעווייטאגטער פראבלעם, העלפט דאס צו לעזען אויך אין א געוויסער מאס די זעהר שווערע פראגע פון פערלענגטע חובות.

אפילו דער בייזוויליגער לוה קאן נישט בלייבען פאסיוו לגבי דער קא־לאסאלער פסיכאלאגישער ווירקונג, וועלכע עס איבט אויף איהם אויס די נייע ווענדונג אין דער גמילת חסדים טעטיגקייט דהיינו די אנגעהויבענע אויפבוי־ארבייטען.

אויך פאר דער טעטיגקייט פון דער פערוואלטונג זעלבסט האבען א פער־שטענדניס גאר גרויסע בעדייטונג די דאזיגע ארבייטען, וועלכע זענען פאר איהר א פרישער לעבענס נערוו אין איהר פראדוקטיווער טעטיגקייט.

עס וויל זיך אלזא פרעגען: פארוואס זאל נישט די גאנצע אהן אויסנאהם גמילת־חסדים־בעוועגונג אנהויבען דעם נייעם וועג? פארוואס זאל נישט יעדע איינציגע ג"ח־קאסע זיך ווידמען ספעצ־יעל דעם אויפבוי־געביט ביי דער מיט־הילף פון „דזשאינט" און פון צענטז? פארוואס זאל נישט יעדע ג"ח־קאסע געניסען פון די אויבען אויסגערעכענטע מעלות, וועלכע עס ברענגט מיט זיך די טעטיגקייט אויף דעם נייעם אר־בייטס געביט?

דער גרעסטער טייל פערוואלטונגען, וועלכע האבען דעם מאלקס קאמפיין אדורכגעפיהרט מיט דערפאלג, זייענדיג זיכער אין שטיצע פון „דזשאינט" און צענטר גייט טאקע מיט זיכערע שריט צו צו דעם נייעם געביט און זוכט פלענער פון אויפבוי לויט די ארטיגע בעדינגונגען. די דאזיגע פערוואלטונגען זענען מצליח און וועלען טאקי געני־סען פון די אלע פאזיטיווע מאמענטען, וועלכע עס איז גורם דער נייער אר־בייטס־געביט פון די קאסעס.

אבער דער טייל קאסעס, וועלכער האט דעם מיליאן־קאמפיין נישט בעווי־זען אדורכצופיהרען, צי זענען זיי פער־אורטיילט צו דערשטיקען זייער ענער־גיע און טעטיגקייטס לוסט?

איך בין זיכער, אז אויב אזא קא־סע וועט קומען צום צענטער מיט א גוט אדורכגעטראכטען און רעאליזיר־בארען אויפבוי־פלאן וועט זי נישט אוועק מיט גארנישט, וועלכע פער־וואלטונג אבער פון דעם מין וועט רעזיקירען אויף א טאראראם און גע־פילדער אין שטעדטעל דורך שאפען קאמיטעטען און זוכען פלענער. זי וועט מורא האבען פאר א קאמפרא־מיטאציע. פאר אן׳אבזאג פון „דזשאינט" צו ערטיילען איהר הילף.

אזא קאסע דערשטיקט טאקע אין זיך דעם רצון צו עקספאנסיע, זי פיהרט ווייטער דאס פריהערדיגע לע־בען, וועלכעס זעהט אויס לגבי דער טעטיגקייט פון אונזערע קאסעס, וואס פיהרען אן אויפבוי־ארבייט כמעט ווי וועגעטאציע.

צי דארף עס אזוי זיין?

אבער פון דאמאלס ביז היינט איז דאך שוין אוועק צוויי יאהר, א צייט פון באיקאט און פיקעטען און פער־ניכטונג פון יודישע ווירטשאפט פא־זיציעס.

אין אזא שווערע צייט אין וועלכער מיר געפינען זיך היינט צו טאג מעגען מיר און מיר מוזען דעם פרינציפ פון פאראיאהרען אנולירען און אבשאפען.

יוסף קאמיאנער

שילער בעגעהט זעלבסטמארד צוליעב א שלעכטע צענזור

עהערנעכטען נאכמיטאג האבען די דורכגעהער נעבען דעם באהן־פושעיאזד אין סלאוויק, הינטער טשענסטאכאוו, געזעהן א יונגען שילער זיך ארומדרע־העו א לענגערע צייט, אין אן׳אויסגע־רעגטען צושטאנד. אויף זיין פנים איז געווען בעמערקבאר א פערביסענקייט און מינוטענווייז א נישט־דעצידירטקייט. ווייזט־אויס, אז דער יונגערמאן האט געפיהרט אן׳אינערליכען קאמף. אויף דער פראגע, צוליעב וואס ער שפאצירט נעבען דער באהן־ליניע, האט דער שילער אויסגעשטעלט זייגע דערשרא־קענע אויגען און ערקלערט מיט א נישט־זיכערע שטים, אז ער ווארט אויף זיינע חברים.

און כאטש די דורכגעהער האבען געפיהלט, אז ס׳איז מיט דעם יונגער־מאן עפיס נייעס און זיי האבען איהם חושד געווען אין בייזע כוונות, זענען זיי דאך אוועק יעדער צו זיין ציעל. עס איז דאך נישט מעגליך געווען איהם צו פערבאטען, אויב ער האט חשק גראד דא צו שפאצירען.

ווען דער אוונט איז צוגעפאלען און עס האט זיך דערהערט דאס אנקומען פון דעם שנעל־צוג ווארשא—קאטאוויץ, האבען די אויגען ביים יונגענמאן אויפ־געלויכטען, די ליפען האבען זי פערבי־סען און דער שילער האט זיך געווארפען אונטער די רעדער פון דער לא־קאמאטיוו.

דער 15 יעהריגער מאריאן גאפיך, שילער פון דער 6 טער אבטיילונג פון דער פאווזשעכנע שולע אין בלעשנא האט נישט בעלעגט דעם עקזאמען אין דער 7־טער אבטיילונג און צוליעב די אונאנגענעהמליכקייטען אין דער היים, האט ער אויף אזא טראגישען אופן גע־מאכט א סוף צו זיין לעבען. די רע־דער האבען איהם אבגעשניטען דעם קאפ.

דער קערפער פון יונגען זעלבסט־מערדער איז געבליבען אויפ׳ן ארט ביז צום אנקומען פון דער אויספארשונגס־מאכט.

דער פראצעס פון 17=יעהריגען מערדער איז געווארען אבגעלעגט

אין דער געשיכטע פון היגען גע־ריכטס־וועזען אין משך פון די לעצטע 20 יאהר, האט צום ערשטען מאל אויף דער בעשולדיגונגס באנק פון קרייז־געריכט זיך געפונען א 17 יעהריגער מערדער.

יוזעף מאלעצקי איז אנגעקלאגט גע־ווארען, אז דעם 11 אפריל ה. י. האט ער אין מלוכה׳שען וואלד פיעזשכנא, גמינע קאמיק, געמאכט 18 וואונדען דער 50 יעהריגער פראנטשישקא בלאש־טשיק, וועלכע האט לעצטענס געוואוינט אין גראדזיסק, הינטער קלאבוצק און זיך בעשעפטיגט מיט שמוגעל, פערקוי־פענדיג עס אין קליינע פארציעס איבער די דערפער. אונטער׳ן האגעל פון די דאזיגע קלעפ האט די זקנה אויסגע־הויכט די נשמה.

דער מערדער האט צוגערויבט זיין קרבן 50 גראשען — דעם גאנצען „קא־פיטאל", וואס זי האט פערמאגט און א האלבען ליטער־פלאש סאכארין.

מאלעצקי איז א טיפיש קינד פון דער גאס, אויפגעצויגען אין נויט און אונוויסען. ער קען נישט לעזען און נישט שרייבען, ווייל ער האט געענ־דיגט בלויז 1 אבטיילונג פון דער פאוו־שעכנע שולע. געבוירען אין דייטשלאנד ביי עלטערן, פאלאקען, וועלכע האבען מיט א סך יאהרען צוריק אויסגעוואנ־דערט צוליב פערדינסט צוועקען. אלט־זייענדיג 3 יאהר איז מאלעצקי׳ס פא־טער געשטארבען אין תפיסה און די מוטער צוזאמען מיט׳ן 3־יעהריגען זוהן האט זיך בעזעצט אין דאנציג. נאך 7 יאהר איז די מוטער אבגעפאהרען קיין פראנקרייך און דעם זוהן געלאזט אויף גאט׳ס בערצט.

דעם יתום האט דאן צוגענומען זיין באבע פון גראדזיסק, הינטער קלאבוצק. נאכדעם ווי די באבע איז געשטארבען איז דער דאמאלס 14 יעהריגער מאלעצ־קי אוועק קיין טשענסטאכאוו און אין משך פון דריי יאהר זיך פערנומען מיט אבטראגען פעקלעך פון דער באהן. ער נעכטיגט וואו עס לאזט זיך און ער־נעהרט זיך מיט אבפאל פון פלייש און ברויט. אזוי זענען אבגעלאפען אייניגע יאהר — ביז דער 17־יעהריגער שלע־פער טרעפט די אונבעקאנטע פרוי, וועגען וועלכער ער האט געוואוסט, אז זי בעשעפטיגט זיך מיט שמוגלען, צו־ליעב וואס זי האט מסתמא א גרעסערע סומע געלד.

נאכ׳ן אויספיהרען דעם דאזיגען מארד איז מאלעצקי ענטלאפען. נאך עטליכע שעה האט א געוויסער אויגענ־יוש כלאנד בעמערקט אין וואלד דעם צוממית׳טען קערפער אין א קאלוזשע בלוט, מיט׳ן פנים צו דער ערד.

אויפ׳ן ארט פון מארד איז גלייך אראבגעקומען דער פאליציי־קאמענדאנט פון פאסטערונעק אין קלאבוצק און פעסטגעשטעלט א רייה אומשטענדען, וואס האבען געהאלפען דעם טשענסטא־כאווער אויספארשונגס־אמט פעסטצו־שטעלען דעם נאמען און אבשטאמונג פון ערמארדעטען.

דער ארעסטירטער מאלעצקי האט אין אנהויב זיך נישט מודה געווען צו דער שולד, אבער אין א מאמענט פון חרטה, האט ער זיינע תפיסה־חברים דערצעהלט אלץ, נישט פערגעסענדיג צוצוגעבען, אז ער האט זיין קרבן צו־גערויבט 50 גר. און אן׳אונבעדייטענ־דען קוואנטום סאכארין.

דאס געריכט האט בעת דער פער־האנדלונג געפרובט פעסטצושטעלען דעם אנגעקלאגטען׳ס פערסאנאליען, אבער מאלעצקי האט ערקלערט, אז פון זיין עלטערן ברודער ווייסט ער, דאס ער איז געבוירען געווארען דעם 5 לוטי, אבער דאס יאהר איז איהם אונבעקאנט.

דער פערטיידיגער אדוו. סטאביעצקי האט ארויסגערוקט א רייה פארשלאגען בנוגע אבלעגען דעם פראצעס. עס דארף פעסטגעשטעלט ווערען מאליצ־קי׳ס עלטער, וואס ס׳האט א בעדייטונג ביים ארויסטראגען דעם אורטייל. דאן האט דער אנגעקלאגטער ערקלערט דעם אדוואקאט, אז בלויז אונטער צוואנג האט ער זיך מודה געווען צום מארד און אלס בעווייז דערצו דארף ארויסגערופען ווערען דער תפיסה־פעל־טשער.

דאס געריכט האט מסכים געווען צו די אויספיהרונגען פון אדוואקאט און בעשלאסען אניפצוזוכען דעם עלטערען מאלעצקי, ארויסצורופען דעם תפיסה־פעלטשער אלס עדות און אויך דאק־טוירים, וואס זאלען פעסטשטעלען דעם אנגעקלאגטען׳ס עלטער.

פון „טאז"

די דירעקציע פון דער וואלצען־פאבריק אין קאניעצפאל האט דעקלא־רירט לטובת דער קאלאניעס אקציע פון היגען „טאז" פאר די קינדער פון קא־ניעצפאל 500 זל.

די קינדער פון יודישען גימנאזיום האבען צוגעשיקט 71.50 זל. (איין און זיבעציג זל. 50 גר.) לטובת דער קא־לאניעס אקציע.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילת חסד קאסע, אגראדאווע 6

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילת חסד קאסע „אהבת - אחים", אגראדאווע 6, וועלכע האט געדארפט פארקומען מיט 2 וואכען צוריק, איז צוליעב נישט פאראויסגעזעהענע סיבות אבגעלייגט געווארען און קומט פאר דעם קומענדיגען זונטאג פונקטליך 7 א זייגער אוונט אין אייגענעם לאקאל אויף אגראדאווע 6 מיט׳ן געהעריגען טאג־אדדנונג.

פון נ. צ. א. אין טשענסטאכאוו

שבת 4 א זייגער נאכמיטאג וועט פארקומען א פראטעסט־מיטינג געגען דעם טויט־אורטייל פון ענגלישען גע־ריכט אויף די 2 ביתרים. דער מיטינג קומט פאר אין לאקאל פון אחדות־ישראל, בערקא יאסעלעוויטשא 4, מיט׳ן אנטייל פון דער גאנצער רעוויזיא־ניסטישער משפחה: „הצה"ר", „אחדות־ישראל", „ברית החייל", „ביתר".

רעפערירען וועלען די ה"ה: מ. ל. יונגסטער, ש. ניעמיראווסקי, פראפ. וויינבערג א. א.

דינה האלפערן און סעם בראנעצקי אין טשענסטאכאוו

ווי מיר ווערען געוואויר, וועלען אין קורצען ווייל עו ביי אונז אין שטאדט די בעריהמטע קינסטלער דינה האלפערן און סעם בראנעצקי מיט אן׳ערשטקלא־סיגען אנסאמבל.

פרטים אין די וויי טערדיגע נאטיצען און אנאנסען.

אבסאלווענטען פון דער האנדווער־קער - שולע

די היגע האנדווערקער־שולע האבען אין שול־יאהר 38—1937 געענדיגט פאל־גענדע שילער:

בירמאן הערשליק, טשארנילאס יוסף, דאנציגער חיים, גראנעק וואלף, גאלד־בערג הירש (זשארקי), האבערמאן ישעיה (זאוויערטשע), יאקובאוויטש איצעק, קאזשיוואדע שמשון (פאיענטשא), לאנדוי דוד מיט אנ׳אויסצייכנונג, יאשינסקי חיים (בענדין), פוקאטש הערשיל, פאנ־טאפעל משה, רייזמאן אברהם, ראזענ־מאן דוד הירש (סאסנאוויץ), גרינהארן דוד (זאוויערטשע), ראזענפעלד מיע־טשיסלאוו (ווארשא), שפאלענדער הירש, שיין שלמה, שידלאווסקי לייזער (אמ־סטוב), שווארצבוים שבתי, שטאהל יהודה, וואלרויך גדל, ווילהעלם אברהם, ראפאפארט יעקב, ווערדיגער יהושע (מישקוב), ווייסקאפ מיכאל, וואזשניצע אברהם, דיאמענט אייזיק, קרעפס פישל (זאוויערטשע), מארדקאוויטש יעקב.

פייערליכע גאטעסדינסטען לכבוד דעם פערענדיגען דאס שול - יאהר

דינסטאג אין דער פריה לכבוד דעם פערענדיגען דאס שול־יאהר, איז אין דער און נייער שוהל פאר־געקומען גאטעסדינסט. דערנאך הא־בען די שילער בעקומען די צייגנישען און פונאנדערגעלאזט געווארען אויף די זומער־פעריען, וואס וועלען דויערען 2 און א האלבען חודש.

דער יום - טוב פון די פייערלעשער

דער יעהרליכער יום טוב פון די פייערלעשער איז היי־יאהר שוין צוויי מאל אבגעלעגט געווארען — צוליב׳ן טויט פון געוו. קאמענדאנט בריל און דאן צוליב דער קראנקהייט פון פרע־זעס קאן.

די פייערליכקייטען זענען דעריבער בעשטימט געווארען אויף זונטאג, דעם 26 ד. ח. אונאבהענגיג. עס וועלען ביי דער דאזיגער געלעגענהייט בענייט ווערען צוויי נייע מאטאר־פלומפען פון א גרויסער אויסגיביגקייט.

טראגישער טויט פון א באהן־ארבייטער

עהערנעכטען ארום 10 א זייגער אין דער פריה איז געשעהן א טראגישער פארפאל אויף דער באהן ליניע צווישען בלעשנא און קארוינוב. אונטער די רעדער פון א משאות ציג איז אומגעקו־מען דער באהן־ארבייטער טאמאש אור־באנסקי, נארוטאוויטשא 159. די באהן־רעדער האבען דעם קערפער פון אונ־גליקליכען ארבייטער מיטגעשלעפט אויף א גרעסערען שטח.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דער פארפאל איז געשעהן צוליעב אורבאנסקי׳ס אייגענער אונפארזיכטיג־קייט, ווייל ער האט זיך נישט אבגע־רוקט בעצייטענס פון די שינעס פאר׳ן אנקומענדען צוג, גלויבענדיג ווארשיינ־ליך, אז ער וועט עס בעווייזען אין לעצטען מאמענט.

דער נייער וויעלונער סטאראסטא איבער־נומען זיין אמט

אויפ׳ן ארט פון אבטרעטענדען סטא־ראסטע ה׳ מגר. ניזשאנקאווסקי, וועל־כער ווערט איבערטראגען נאך קשע־מיעניעץ (וואהלינער וואיעוואדזטווא) וואו ער וועט זיין צייטווייליג סטא־ראסטע און נאכהער איבערנעמען דעם אמט אלס וויצע וואיעוואדא פון דער וואהלינער וואיעוואודסטווא—איז גע־קומען אויף זיין ארט אלס סטאראסטע, ה׳ אדאם כאטשינסקי, געוועזענער וויצע־סטאראסטע אין ביאלא־ביעלסקי (קראקאווער וואיעוואודסטווע) און לעצ־טענס נעארבייט אין מיניסטעריום.

דער נייער סטאראסטע האט איבער־גומען דעם פעראנטווארטליכען אמט מיטוואך.

מיר ווינשען דעם נייעם ה׳ סטא־ראסטע פרוכטבארע ארבייט לטובת די מלוכה און לטובת אלע בירגער פון אונזער פאוויאט, אהן אונטערשיד פון גלויבען און נאציאנאליטעט.

סאבאטאזש־אקט געגען א דארפס־יוד

איהם חרוב געמאכט איבער א מארגע תבואה אויפ׳ן פעלד

אין דארף ליוואזשין (נעבען טשער־נאזשיל) האט אין דער נאכט פון פערג. זונטאג אויף מאנטאג איז בעגאנגען געווארען פאלגענדער שענדליכער פאל געגען דעם יוד הענאך בערקאוויטש, וועלכער וואוינט שוין אינ׳ם זעלבען דארף אנ׳ערך 25 יאהר.

אנ׳ערך א האלבע מארגע קארן איז געווארען אין נישט־פעשטאנענעם צו־שטאנד אונטערגעהאקט און אנ׳ערך א מארגע איז געווארען אויפגעוואל־קעוועט, אז ס׳זאל שוין מעהר נישט קענען וואקסען.

מען שמועסט, אז דער געליטענער ווייסט ווער דער „בעל־מלאכה" איז פון דאזיגען וואנדאליסטישען אקט. נאר ער האט מורא אויפצוגעבען אויס מורא פאר נקמות.

דער מלוכה - פרעזידענט אדורכגע- פאהרען טשענסטאכאו

מיטוואך 8.05 א זייגער אין אווענד איז מיט'ן שנעל צוג, צו וועלכען עס איז געווען צוגעטשעפעט א ספעציעלער סאלאן וואגאן, אדורכגעפאהר'ן דורך טשענסטאכאוו דער מלוכה פרעזידענט אויפ'ן וועג פון ווארשא ק'יין אויסלאנד אויף א 9 וואכעדיגען קוראציע אורלויב. דער צוג האט זיך פערהאלטען 3 מי- נוט און דאן געפאהרען קיין קאטאוויץ.

דער פרייז פון ברויט דארף פערביליגערט ווערען

די פרייזען-קאמיסיע האט מיט איי- ניגע טעג צוריק פערביליגערט דעם פרייז פון אלע סארטען ברויט מיט 1 גראשען אויפ'ן קילא. דער וואיעוואדי- שער אמט אין קעלץ האט די דאזיגע הנחה אנערקענט פאר גישט-גענוגענד און עמפפעהלט דער שטאדט-פערוואל- טונג צונויפצורופען א צווייטע זיצונג פון דער פרייזען-קאמיסיע, כדי ווידער צו פערביליגערן דעם פרייז פון ברויט.

א זיצונג פון שטאדט-ראט דעם 30-טען ד. ח.

די פארגעזעהענע זיצונג פון שטאדט- ראט אויפ'ן 23 טען ד. ח. איז נישט פארגעקומען צוליעב דעם, וואס די פינאנציעלע בודזשעט - קאמיסיע האט נישט בעוויזען זיך ארויסצוזאגען וועגען די פארשלאגען, וואס דארפען בעטראכט ווערען דורכ'ן שטאדט-ראט.

די דאזיגע זיצונג, וואס וועט שוין זיין די לעצטע פאר די פעריעס, וועט פארקומען דאנערשטאג, דעם 30 ד. ח.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי

זונטאג, דעם 26 ד. ח. 8,30 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, פיל- סודסקי 23, א רעפעראט פון ח' אדוו. מ. גושקאיוסקי פון ווארשא, מיטגליד פון צענטראל קאמיטעט א. ד. ט.: „די פאליטישע לאגע אין ציוניזם און אין דער יודענשטאטס פארטיי".

אלע חברים ות ווי אויך סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

אקופאציע - שטרייק אין העלמאנ'ס צעגעלניע

אין דער צעגעלניע פון ה' יוזעף שטארקע אין לישעניעץ, וואס בעשעפ- טיגט אנ'ערך 70 ארבייטער, איז אויס- געבראכען אנ'אקופאציע - שטרייק. די שטרייקענדע פערלאנגען צו שליסען א נייעם קאלעקטיווען אבמאך. די אקציע פיהרט דער פראפעסיאנעלער פעראיין פון בוי, צעראמישע און עהנליכע פעראיינען.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי"

אין קורצען וועלען פארקומען לייכט- אטלעטישע מייסטערשאפטען פון אונזער שטאדט, ארגאניזירט דורכ'ן שטאדטי- שען קאמיטעט פאר פיזישער ערציהונג. דער היגער „מכבי" ה. ט. אנגעבאטען זיין אנטייל אין אלע צווייגען, ווי: קארב און נעץ - באל, שטשיפיארניאק און אנד.

— אין די נאהענטסטע טעג וועט דורך דער „מכבי"-פערוואלטונג אנגאזשירט ווערען א ספארט אינסטרוקטאר, וועל- כער וועט אנפיהרען מיט דער גאנצער ספארט-ארבייט אין היגען „מכבי"-פער- באנד.

חגיגת - התורה - פייערונג אין לובלין

ווי בעוואוסט, קומט פאר מאנטאג כ"ח סיון די חגיגת התורה פייערונג אין דער „ישיבת חכמי לובלין".

די דאזיגע פייערונג שליסט אב א דריי פאכיגען יום-טוב: א) עס ווערט אכט יאהר, זינט ס'איז אויפגעבויט גע- ווארען דאס ריזען ווערק, וואס הייסט „ישיבת חכמי לובלין" דורכ'ן אונערמיד- ליכען הרב מאיר שפירא ז"ל, ב) 10 יאהר זינט עס איז דורכ'ן דערמאנטען גאון געגרינדעט און פראפאגאנדירט געווארען „דף היומי", ג) דער סיום- הספר תורה, וואס איז געשריבען געווא- רען דורכ'ן גאון ר' מאיר שפירא ז"ל, אלס א ספר תורה הכלליות, אין וועל- כען דאס גאנצע יודענטום האט א חלק.

אט צו די דריי פייערונגען גרייט זיך דאס גאנצע פוילישע יודענטום בכלל און די רעליגיעזע יודען בפרט.

דער דאזיגער דריי-פאכער יום-טוב קומט פאר אין דער „ישיבת חכמי לו- בלין", וואו עס ווערען ערווארט טוי- זענדער יודען פון ארבע פנות הפוילען, אויך דעלעגאטען פון אויסלענדישען יודענטום און טויזענדער טעלעגראמע- מע בעגריסונגען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אויך ביי אונז אין שטאדט נעכטען פארגע- קומען א גאסען אבצייכנונג, וועלכע איז אדורך מיט גרויס ערפאלג.

שטליכע בעמערקונגען וועגען דעם נייעם געזעץ פון אומזאץ-שטייער

פון יאהר 1939 וועט עפעל כטען דאס נייע געזעץ וועגען אומזאץ שטיי- ער, דאס געזעץ איז פעראפענטליכט געווארען דעם 4 מאי און אונטערשיי- דעט זיך גרונדליך פון די ביזאיצטיגע פארשריפטען וועגען אומזאץ-שטייער קודם-כל דערמיט וואס עס ווערען אב געשאפט די פאטענטען.

דאס איז א גאנצע רעוואלוציע אין דער שטייער געזעצגעבונג, אמת, אז פון יאהר 1940 ווערען איינגעפיהרט רעגיסטראציע קארטען אויפ'ן ארט פון פאטענטען, זיי טראגען אבער אנ'אנ- דערן כאראקטער, די הכנסות פון די אבצאהלען פאר די דאזיגע קארטען ווערען בעשטימט פאר דער זעלבסט- פערוואלטונג האנדעלס קאמערען און פאך-שולען, דער גאנצער קאמפליציר- טער ענין פון פארשריפטען וועגען פאטענטען קאטעגאריעס מיט אלע צו- גאבען אין דער פארם פון א רייהע אפס סתירה'ריגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט, דער ענין וועלכער איז געווען נישט צוגענגליך נישט נאר פאר פערזאנען, וועלכע זענען פרעמד אין די דאזיגע ענינים, נאר אפילו פאר יוריסטען-איז איינגעפאלען.

דאס נייע געזעץ בעצייכענט דעם שטייער אנשטאט „מלוכה'שער אינ- דוסטריע שטייער" מיט „אומזאץ שטיי- ער" און אלס אביעקט פון שטייער בעטראכט דאס געזעץ אלע מין הכנסה- בעשעפטיגונגען.

א גאנצע רייהע אונטערנעהמונגען זענען בעפרייט פון אומזאץ שטייער, ווי למשל: אפעראציעס פון לאנגטער- מיניגען קרעדיט, באהנען, קאמונאלע אבשפארונגס קאסעס, דראזשקעס, פוהר- מאנעס, עקספלואטאציע פון טאקסיבקעס אויב די דערמאהנטע טעטיגקייטען ווע- רען אויסגעפיהרט פערזענליך אדער מיט'ן אנטייל פון העכסטענס איין פא- מיליען מיטגליד.

פון אומזאץ ווערט אבגערעכענט: די טראנספארט און פערזיכערונגס-קאסטען פון דער סחורה, דעם ווערט פון דער חורה, באניפיקאציעס מיט'ן בעדינג, אז דאס וועט בעוויזען ווערען דורך די האנדעלס ביכער.

דאס נייע געזעץ פיהרט איין העכע- רע סטאווקעס פון אומזאץ - שטייער, 1.25 פראצענט פון אומזאצען, וועלכע ווערען בעוויזען מיט ריכטיג געפיהרטע האנדעלס ביכער און ווערען דערגרייכט פון פערקויף אדער אויסטויש פון סחו- רות, וועלכע זענען צום פערקויפען, אהן האנדעלס ביכער איז די סטאווקע 1.7 פראצענט.

אימזאצען ביז 15 טויזענד זלאטעס וואס ווערט דערגרייכט אלס בעלוינונג פאר איבעראַרבייטען פאבריקאטען אדער האלב-פאבריקאטען צאהלען 1.5 פרא- צענט, דיזעלבע סטאווקע ווערט אנגע- ווענדעט צו אימזאצען ביז 50 טויזענד זל. פון פערקויף פון רויה שטאפען האלבפאבריקאטען אדער פאבריקאטען, וואס ווערען אויסגעארבייטען דורך דעם צאהלער אויף אייגענער רעכנונג.

וואס שייך דער סטרוקטור און גרונד- יסודות אונטערשיידעט זיך דאס געזעץ וועניג פון דעם ביז איצטיגען. עס ווערט אבער פארגעזעהען א גאנצע ריי הנחות פאר צאהלער אין עטוואס גרעסערע גרעניצען ווי ביז איצט.

יעדענפאלס איז די רעפארם נישט קיין שווערע און איז דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג פון ענדערען די סטרוקטור פון דער איצטיגער שטיי- ער-געזעצגעבונג.

אדוו. ע. שעסקין

קריסטין ברענגט צוריק צום יודי- שען קרעמער 100 זל. וועלכע זי האט געפונען אין א שאכטעל מיט... „ליליפוט"-פראשקעס.

טאמאשאוו, אין געוועלב פון ה' אליעזר שטיינמאן, איז געקומען די פרוי פון ארטיגען קריסטליכען מאגיס- טראט בעאמטען, הצלענא זאוואדזקא און געבעטען צו געבען איהר אויף באָרג עטליכע „ליליפוט"-פראשקעס. שפעטער איז די קריסטין געקומען און דערלאנגט א באנקנאט פון 100 זל. דער סוחר האט ערקלערט. אז ער האט נישט קיין רעשט פון אזא סומע. ווי גרויס איז אבער געווען זיין איבערראַ- שונג, ווען די קריסטין האט ערקלערט, אז די גאנצע סומע געהערט צו איהם, ווייל זי האט דעם דאזיגען באנקנאט געפונען אין שאכטעל מיט די „ליליפוט"-פראשקעס. די שמחה פון קרעמער איז געווען אין לשער. שטיינמאן האט הארציג געדאנקט דער ערליכער קריס- טין און געוואלט איהר אלס בעלוינונג צו געבען א... „ליליפוט" גאלאָרעטקע „פיקס". די פרוי זאוואדזקא האט אבער ערקלערט, אז זי וועט דערפאר גישט נעמען קיין שום בעלוינונג, „ווייל איך האב בלויז ערפיהלט מיין מענשליכען חוב".

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

פערענדיגט דער פאבאר

דעם 30 טען פ. ח. איז פערענדיגט געווארען דער פאבאר פון רעקרוטען. גלייכצייטיג האט אויך די שטאדטישע געזונדהייטס אבטיילונג פערענדיגט די אקציע פון פערהיטונגס-איינשפריצונגען געגען פאקען צווישען דער שול-יוגענד. בסך-הכל זענען געמאכט געווארען איינ- שפריצונגען פאר 2.500 קינדער.

136.432 איינוואוינער אין טשענסטאכאוו

לוי'ט אויסצוג פון דער שטאדטישער סטאטיסטישער אבטיילונג האט טשענ- סטאכאוו געצעהלט דעם 1 טען מאי ה. י. בסך הכל 136.432 איינוואוינער (אויפ'ן 1 טען מערץ ה. י. 136.006), דערונטער 107 028 קאטאליקען (דעם 1 מערץ 106 629), עוואנגעליקער 747 (749), פראוואסלאווע 440 (441), יודען 28 150 (28 119) און פון אנדערע גלוי- בענס 67 (68).

אין משך פון 4 חדשים איז די צאהל איינוואוינער אין טשענסטאכאוו געשטי- גען מיט 426.

פון ספארט

„מכבי" — ריכטער - קלוב 0:3

(ע. י.) פאריגען שבת איז אויפ'ן אייגענעם ספארט פלאץ פון „מכבי" פארגעקומען א פוטבאל מעטש צווישען „מכבי" מיט'ן היגען ריכטער-פוטבאל- קלוב. דער מעטש איז געווען אינטע- רעסאנט, שוין צוליב דעם, וואס די ריכטער-מאנשאפט איז געווען צונויפגע- שטעלט פון די בעסטע אמאליגע שפיע- לער פון פערשידענע ספארט קלובען. נישט קוקענדיג אבער דערויף איז דער „מכבי" ארויס זיגרייך, געוואונענדיג דעם מעטש מיט 0:3.

שיעדס-ריכטער ק. שערער — גוט.

CÉDIB
UNIVERSITÉ DE BEAUTÉ PARIS
RACJONALNA KOSMETYKA
Własne instytuty kosmetyczne w całej Polsce

פארבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאבריק און קאנטאר: ב. יאסעלעוויטשא 11
פיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)
מענער - קראגענס ווערען ווייטער געוואשען מיט דורעהאפטען שפיגעל-גלאנץ צום פרייז 10 גר.
ספעציאליטעט:
1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט), 4) כעמישריייניגען און פאסאנירען קאפעלושן.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

W środę, dn. 29 czerwca r.b odbędzie się w gmachu własnym przy ul. Jasnogórskiej 8—10 o godz. 3 po poł. w pierwszym terminie, a o godz. 4 w drugim terminie

WALNE ZEBRANIE

Komitetu Budowy Gmachu dla Społecznych Szkół Żydowskich w Częstochowie

z następującym porządkiem dziennym: 1) Zagajenie, 2) Wybór Prezydium, 3) Zatwierdzenie protokułu poprzedniego Walnego Zebrania, 4) Sprawozdanie z działalności za rok 1937 a) Ogólne, b) Kasowe, 5) Upoważnienie do zaciągania zobowiązań, 6) Budżet na rok 1938, 7) Wybory 3-ch członków Zarządu w miejsce ustępujących p. p. Dyr. Abe Sigmana, Zygmunta Stillera i Joachima Wekslera oraz 6-ciu zastępców, 8) Wybór Rady, Komisji Rewizyjnej oraz Sądu Rozjemczego, 9) Wolne Wnioski.

נדבות פאר געז. „תומכי עניים"

ה' משה וואלקאוויטש צו דער יאהר- צייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער ר' שמואל ז"ל 20 קילא ברויט.

ה' פסח שלעזינגער 3 זל.

ה' יצחק שטייניץ צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער ר' יחיאל ז"ל 2 זל.

ה' יונתן איזראעלאוויטש 5 קילא ברויט.

ה' שלמה האפמאן 5 קילא ברויט.

ה' ב. באטשאן 10 קילא ברויט.

Szczepienie ochronne
przeciwko ospie świeżą krowianką szczepi
Starszy felczer
ST. MITTLER
Piłsudskiego 7
tel. 18-04.



Kino „LUNA"
די גרעסטע קרעאציע פון בעריהמטסטען וועלט - קינסטלער
פאול מוני
אינ'ם נייעסטען טריומף
PRAWDA ZWYCIĘŻA
געוועהנליכע פרייזען

KINO „EDEN"
דאס פראנצויזישע קונסטווערק!
סענסאצ. ים-פילם
KAPITAN MOLLENARD
אין די הויפט-ראלען
הארי באור, אלבערט פרעזשאן.

Red. B. Bocian | Wyd B. Bocian i S-ka | Druk. B. Bocian, Aleja 6